# דער
# פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
ר' אברהם אלימלך
בידרמן שליט"א

מטות - מסעי

מכון
באר האמונה

יו"ל ע"י

**מכון 'באר האמונה'**

זיך איינצושרייבען צו באקומען די גיליון
וועכנטליך אויף אימייל און פאר הערות
אין הארות מעלדט אייך צו:

אימייל: Mail@derparshakval.com

טלפון: 1347-871-8285

**לשמיעת השיעורים בקול הלשון: 718-906-6444**

©

**כל הזכויות שמורות למו"ל**

# אינהאלט

## פרשת מטות - מסעי


מסעיהם למוצאיהם על פי ה׳ - עס איז נישט פאַרהאַן קיין ׳צופאַל׳ אויף דער וועלט.................. א

וממנה יוושע - פון די צרה אַליין קומט אַרויס די ישועה........................................ ה

ויקצוף משה - זיך היטן פון די שרעקליכע מדה פון כעס........................................ יא

הוי מתלמידיו של אהרן - אוהב שלום ורודף שלום.............................................. טז

כל רודפיה השיגוה - די נאָענטקייט פונעם אויבערשטן צו אונז אין די ׳ימי בין המצרים׳............... יח

# מטות מסעי

**מסעיהם למוצאיהם על פי ה' - עס איז נישט פאַרהאַן קיין 'צופאַל' אויף דער וועלט**

**אלה** מסעי בני ישראל... ויכתוב משה את מוצאיהם למסעיהם על פי ה', ואלה מסעיהם למוצאיהם.

(און משה רבינו ע"ה האָט אויפגעשריבן זייערע ציאונגען, לויט דעם באַפעל פון דעם אויבערשטען, און דאָס זענען זייערע ציאונגען וואו זיי זענען געגאַנגען.)

**די** תורה הק' איז אַ "נצחיות" - אויף אייביג. די תורה שרייבט נישט "סיפורי מעשיות" סתם אַזוי ח"ו, נאָר אַלעס וואָס ווערט געזאָגט אין דער תורה, איז געשריבן געוואָרן פאַר אַלע דורות, אונז צו לערנען אַ וועג אין לעבן.

**דער** לימוד פון דער פרשה איז פאַר צו לערנען, אַז יעדער איד גייט אַדורך אין זיין לעבן פאַרשידענע "מסעות" און איבערקערענישן. אָפט מאָל טראַכט דער מענטש, עס האָט מיט מיר פּאַסירט אַזוי און אַזוי, ווייל איך בין געפאָרן אין אַ געוויסן אָרט... איך האָב באַגעגנט יענעם מענטש... איך האָב גערעדט אַזוי און אַזוי... ווי איז צו מיר, אויב איך וואָלט נישט געפאָרן אין יענעם אָרט, וואָלט איך זיך איינגעשפּאָרט יענע געשעעניש. ער טוט זיך אַליין אָנשרייען, פאַרוואָס האָט מיר אויסגעפעלט צו באַגיין אַזאַ נאַרישקייט, צו פאָרן פון דאָרטן אַהער.

**אויף** דעם לערנט אונז די תורה אין פרשת מסעי: ר' איד, דו האָסט אַ טעות... אדרבה, טאַקע דערפאַר ווייל דער אויבערשטער האָט געוואָלט אַז עס זאָל מיט דיר אַזוי פּאַסירן[א], האָט ער דיך געפירט אויף יענעם וועג וואָס גייט צו דעם אָרט וואו עס וועט מיט דיר פּאַסירן די געשעעניש. נישט דו ביזט געגאַנגען אויף

---

**א.** אַ סאַך מאָל טוט דער אויבערשטער אָנגרייטן פאַרן מענטש פאַרשידענע פּאַסירונגען וואו ער קען זיך איינקויפן עולם הבא אין אַ מינוט, און וואויל איז פאַר דעם מענטש וואָס האָט שכל, און ער כאַפּט מיט ביידע הענט דאָס וואָס מ'גיט איהם.

עס דערציילט דער בעל העובדא, אַ יונגערמאַן פון אונזער חבורה אין איינע פון די היימישע שטעט אין ארץ ישראל, די פאָלגענדע מעשה: אַ חשוב'ער איד, וועלכער האָט ליידער אַ סאַך מיטגעמאַכט, 13 יאָר האָט ער געזוכט אַ שידוך, שוין דעם צווייטן זיווג. מיטוואָך פרשת חוקת, ב' תמוז שנת תש"פ, האָט ער זיך באַטייליגט ביי אַ "קבלת פנים" פאַר אַ חתן. דאָרט האָט ער געזעהן אַ סצענע צווישן בעלי מלאכה וואָס זענען געקומען פרייליך מאַכן ביי די חתונה... אין אָנהייב, ווען די מחותנים האָבן אָפּגעשמועסט דעם זמן החתונה, און באַשטעלט דעם זאַל, האָט איין מחותן געזאָגט צום אַנדערן מחותן, אַז ביי זיי איז איינגעפירט נישט צו באַשטעלן אַ פאָטאָגראַפיסט. דער צווייטער צד, האָט אָבער זייער געוואָלט האָבן בילדער פון די חתונה, כדי עס זאָל איבערבלייבן אַ "מזכרת", אַן אָנדענק, ווי ס'איז דער מנהג ביי אַ סאַך מענטשן...

אַלזאָ, צוליב אַ "מיספאַרשטענדעניש" צווישן די צדדים, האָט יענער מחותן טאַקע באַשטעלט אַ פאָטאָגראַפיסט, וועלכער איז אָנגעקומען צום "קבלת פנים", "באַוואָפענט" מיט אַלע נויטיגע כלים, און זיך גענומען אָפּכאַפּן בילדער... איז צוגעגאַנגען צו איהם איינער פון די משפחה (פון דעם אַנדערן מחותן וועלכער האָט נישט געהאַט חשק מ'זאָל באַשטעלן בילדער) און איהם געזאָגט אין אַן אַנטשלאָסענעם טאָן, אַז ער זאָל זיך אָפּטראָגן פון דאָרט, און בעסער וואָס פריער...

דער יונגערמאַן וואָס האָט עס אונז דערציילט (און וואַרט שוין 13 יאָר אויף זיין זיווג שני), האָט דאָס באַמערקט, און עס האָט איהם זייער וויי געטוהן, ער האָט מיטגעפילט דעם צער און עגמת נפש פון דעם פאָטאָגראַפיסט, און געזאָגט צו אַ איד וואָס איז געשטאַנען נעבן איהם: "צו האָסטו געזעהן וואָס דאָ האָט פּאַסירט?". האָט יענער איהם געענטפערט, "וואָס איז דאָס דיין געשעפט?... זאָלן די מחותנים זיך אַליין אַן עצה געבן איינער מיט'ן אַנדערן...".

דער יונגערמאַן האָט אָבער נישט נאָכגעלאָזט, זאָגנדיג: "דו ווייסט דאָך אַלעס וואָס איך האָב מיטגעמאַכט, און שוין לאַנגע יאָרן זוך איך אויפצובויען אַ אידישע היים אַזוי ווי פריער. האָב רחמנות אויף מיר, און רוף אַריבער אַהער דעם פאָטאָגראַפיסט, און בעט איהם ער זאָל מיר איבערגעבן דעם שכר פון די בזיונות וואָס ער האָט יעצט געליטן, און ער זאָל מיר אויך געבן אַ ברכה...".

דעם וועג, נאָר פון הימל האָט מען דיך אַהין געפירט, צו יענעם אָרט[ב].

לויט דעם קען מען פאַרשטיין (זעה "ייטב לב") דאָס דאָפּלטע לשון אין די פּסוקים, און אויך וואָס

---

דער פאָטאָגראַפיסט איז געוואָרן זייער נתרגש, און ער האָט "באַגאָסן" דעם יונגערמאַן מיט ברכות און וואַרימע וואונטשן, ער זאָל זוכה זיין אינגיכן צו טרעפן זיין זיווג, און אויפבויען אַ בית נאמן בישראל מיט דורות ישרים ומבורכים.

אונזער "בעל העובדא" איז אָבער נאָך נישט געווען צופרידן דערמיט. ער האָט געפרעגט דעם פאָטאָגראַפיסט, וויפיל געלט ער האָט שאָדן געהאַט פון דעם וואָס מ'האָט איהם אַוועקגעשיקט פון דער חתונה. האָט דער פאָטאָגראַפיסט געענטפערט, אַז דער געלט-שאָדן באַשטייט פון 500 שקלים (דאָס איז - זעלבסט-פאַרשטענדליך - נישט דער ריכטיגער פרייז...). האָט דער יונגערמאַן אָפּגעשריבן אַ "טשעק" אויפ'ן סכום פון 500 שקלים, און עס דערלאַנגט פאַר דעם פאָטאָגראַפיסט.

עטליכע טעג שפּעטער, האָט מען איהם אָנגעטראָגן אַ נייעם שידוך. דער שדכן איז געווען איינער פון די באַטייליגטע אין יענע חתונה, און האָט דאָרט געזעהן דעם מעלות און אייגנשאַפטן פון דעם יונגערמאַן (עס איז געווען אַ שידוך, וואָס איז ביז דאַן קיינעם נישט געקומען אויפ'ן געדאַנק...). צוויי וואָכן שפּעטער, דינסטאָג פּרשת פּנחס, "יום שנכפל בו כי טוב", האָט דער יונגערמאַן "געבראָכן טעלער" בשעה טובה ומוצלחת...

וועגן דעם זכות פון אַ בזיון, שרייבט שוין דער הייליגער רבי משה קורדובארו זי"ע, אין ספה"ק "תומר דבורה" (פ"ב, עצות ווי אזוי זיך צו געוואוינען מיט די מדה פון ענוה), ווי פאָלגענד: דער מענטש זאָל שטענדיג טראַכטן וועגן זיינע עבירות, ער זאָל זיך וועלן רייניגן, און ער זאָל זאָגן, וואָס זענען די בעסטע יסורים אויף דער וועלט וואָס וועלן נישט זיין אַ שטערונג פאַר מיר צו דינען דעם אויבערשטען? ער זאָל זאָגן, עס איז נישט דאָ אַ בעסערע זאַך ווי די וואָס פאַרשעמען דעם מענטש און שעלטן איהם. זיי וועלן נישט פאַרמיידן פון איהם זיינע כוחות מיט קראַנקהייטן און זיין שפּייז און קליידונג, און זיי וועלן נישט אַוועקנעמען חלילה דאָס לעבן פון איהם אָדער פון זיינע קינדער ח"ו. אויב אַזוי, וועט ער ממש גליסטן צו האָבן אַזעלכע יסורים. ער וועט זאָגן, צו וואָס דאַרף איך פאַסטן און פּראַווען סיגופים דורך אָנטוהן אויף מיין קערפּער אַ זאַק, און מלקות וואָס שוואַכן מיך אָפּ פון עבודת ה', און איך נעם עס אַליין. עס איז בעסער איך זאָל האָבן אַ "סיגוף" ווען מענטשן וועלן מיך פאַרשעמען, און מיין כח וועט זיך נישט אָפּטוהן, און איך וועל נישט ווערן אָפּגעשוואַכט. דאַן, ווען די בזיונות קומען אויף איהם, קען ער זיך פרייען מיט זיי, און אדרבה ער וועט זיי נאָך וועלן האָבן, עכל"ק.

**ב.** פאָלגענד איז אַ מורא'דיגע מעשה, וואָס האָט פּאַסירט מיט אַ קבוצה חשוב'ע יונגעלייט פון בני ברק: זיי פּירן זיך צו פאָרן איינמאָל אַ וואָך צו דער שטאָט ראשון לציון, כדי מקרב צו זיין "דערווייטערטע" אידן, דורך לערנען מיט זיי בחברותא.

פאַריאָר, שנת תש"פ, ווען עס האָט געבושעוועט די ביטערע "קאָראָנאַ" מגיפה רח"ל אין ארץ ישראל, און מענטשן האָבן זיך נישט געטאָרט צוזאַמענקומען. אַלע שולן און עפנטליכע פּלעצער זענען געווען געשלאָסן, זענען די דערמאנטע יונגעלייט פון בני ברק, אויך נישט געפאָרן קיין ראשון לציון.

אָנהייב חודש סיון, ווען דער מצב האָט זיך אַביסל באַרואיגט, האָבן די יונגעלייט באַשלאָסן, אַז ס'איז שוין געקומען די צייט צו באַנייען זייערע 'קירוב'-אַקטיוויטעטן, און אַלס אַ הכנה צום הייליגן יום טוב פון קבלת התורה, זענען זיי געפאָרן - ווי ס'איז זייער אַלטער מנהג - צו דער שול אין ראשון לציון, וואו זיי פלעגן זיך צוזאַמענקומען מיט זייערע חברותות. צו זייער גרויסער אַנטוישונג, האָט אָבער דער גבאי פון דער שול זיי געלאָזט וויסן, אַז צוליב דער געפאַר פון דער מגיפה רח"ל, ווערן די טויערן פון דער שול געעפענט נאָר דריי מאָל אַ טאָג, צום די תפילות פון שחרית, מנחה, און מעריב. ער, דער גבאי, איז בשום אופן נישט געווען גרייט זיי צו ערלויבן צו זיצן דאָרט און לערנען.

די יונגעלייט האָבן זיך פּרובירט איינבעטן ביי איהם, ער זאָל רחמנות האָבן אויף זיי, נאָך דעם ווי זיי האָבן זיך שוין באַמיט צו מאַכן דעם גאַנצן וועג פון בני ברק ביז אַהער, קיין ראשון לציון. דער גבאי פון שול האָט זיך אָבער געהאַלטן פעסט ביים זייניגן. אפילו ווען זיי האָבן איהם געבעטן ער זאָל כאָטש אָנצינדן די לעקטער אין הויף פון דער שול, כדי זיי זאָלן קענען לערנען אין חצר (אַן "אָפענער שטח"), האָט ער אויך צו דעם נישט איינגעשטימט, און

עס שטייט אַ פאַרקערטן לשון. קודם זאָגט דער פסוק "ויכתוב משה את מוצאיהם למסעיהם על פי ה'", האָט

---

די יונגעלייט האָבן זיך געפונען אין אַ גרויסע פאַרלעגנהייט, ביז איינער פון די אידן אין שול האָט זיי אָנגעבאָטן, אַז וויבאַלד ער האָט היינט געוואָלט פראַווען אַ "סיום", לאַדנט ער זיי איין, צו קומען צום "פאַרקינג לאַט" אונטער זיין הויז, וואו ס'איז ברייט און לופטיג, און מ'קען דאָרט לערנען במנוחת הנפש.

די יונגעלייט האָבן אָבער געקלערט, אפשר וועט איינער פון די אָרטיגע איינוואוינער (מיט וועמען זיי לערנען בחברותא), קומען אין שול, און ער וועט נישט וויסן ווי אהין זיי זענען "פאַרשוואונדן" געווארן... האָט דער "ראש הכולל" פאָרגעשלאָגן, אַז ער וועט בלייבן אין הויף פון דער שול, און ווען ער וועט זעהן עמיצן אָנקומען, וועט ער איהם שיקן צו יענעם "פאַרקינג לאַט".

אומגעפער 20 מינוט שפּעטער, איז געקומען איינער פון די אידן אין דער שול. האָט דער "ראש הכולל", וועלכער האָט יעצט געדינט אַלס "שומר", געפרעגט דעם איד צו ער וויל לערנען. דאָס פנים פון דעם איד האָט אויפגעשיינט, און ער האָט איהם געפרעגט וואָס ער טוט דאָ. האָט דער איד געענטפערט, אַז ער קומט מיט זיינע חברים פון בני ברק, צו לערנען מיט יעדן איינעם וואָס וויל נאָר לערנען. ער האָט צוגעגעבן, אַז דאָס איז נישט אַ "שיעור", נאָר אַ לימוד בחברותא.

ביים הערן זיינע רייד, איז דער איד געוואָרן פול מיט התרגשות, און ער האָט דערציילט, אַז ער איז אין זיין יוגנט אויך געווען אַ שומר תורה ומצוות, נאָר ער איז ליידער אַראָפּ פון וועג רח"ל, און יעצט, אין צייט פון דער קאָראָנאַ מגיפה ה"י, האָט ער אָנגעהויבן מאַכן זיין אייגענעם "חשבונו של עולם", וואו ער האַלט ערגעץ אויף דער וועלט, און עס האָט זיך ערוועקט אין איהם זיין אידישער פינטל. יעצט, ערב שבועות, האָט ער געבעטן דעם אויבערשטען: "הורנו ה' דרכך", העלף מיר לערנען תורה, "און אָט איז מיין געבעט געענטפערט געוואָרן אין הימל" - האָט דער איד אויסגעפירט. (ער האָט אויך אויסגעדרוקט צופרידנהייט פון דעם פאַקט, וואָס מ'לערנט בחברותא, און נישט ביי אַ כלליות'דיגן שיעור, ווייל דאָס איז נישט געאייגנט פאַר זיין מהות).

דער איד האָט צוגעגעבן, אַז באמת, האָט ער יעצט נישט געזאָלט דורכגיין די גאַס וואו די שול געפינט זיך, נאָר די הויפּט-גאַס פון ראשון לציון, אָבער צוליב די שרעקליכע פריצות וואָס בושעוועט דאָרט, האָט ער באַשלאָסן אָפּצונויגן צו אַ זייטיגן געסל.

גייענדיג צום "פאַרקינג לאַט", האָט דער איד געפרעגט זיין באַגלייטער, דעם יונגערמאַן פון בני ברק, אויב ער ווייסט וואו מ'קען באַקומען תפילין אומזיסט. האָט דער יונגערמאַן איהם געזאָגט: "ברוך שכוונת... דו האָסט געפרעגט דעם ריכטיגן מענטש, אין דער ריכטיגער צייט...". ער האָט איהם דערציילט, אַז ער פירט-אָן אַ "מדרשיה" אין תל-אביב, וואו עס לערנט אַ יונגערמאַן וואָס זיין פאָטער איז לעצטנס אַוועק פון דער וועלט ל"ע און זיין זון האָט גע'ירש'נט די תפילין פון זיין פאָטער, און ער האָט אַריינגעלייגט אַ סאַך געלט אין די תפילין, אויסצובעסערן און מגיה זיין פון יעדן טעות, און די תפילין זענען יעצט בתכלית ההידור, און יענער וויל עס אַוועקשענקען פאַר איינעם וואָס פאַרמאָגט נישט קיין תפילין...

פון גרויס התרגשות, האָט דער איד אויסגעבראָכן אין אַ היסטערישן געוויין. ווען דער יונגערמאַן האָט איהם געפרעגט פאַרוואָס ער וויינט אַזוי, האָט יענער איהם אויפגעקלערט:

- איך האָב געבעטן ביי דעם אויבערשטען צוויי זאַכן: א) איך זאָל זוכה זיין צו לערנען תורה. ב) איך זאָל זוכה זיין צו לייגן תפילין... און אָט האָט דער אויבערשטער מיר צוגעשיקטביידע זאַכן...

ער האָט אויסגעפירט:

- באמת, האָב איך געמיינט אַז דער אויבערשטער הערט נאָר די תפילות פון 'חרדים'... איך האָב נישט געגלייבט אַז ער וועט ענטפערן אויך מיין בקשה...

עטליכע מוסר-השכל'ס וואס מיר דארפן זיך אָפּלערנען פון דער מעשה:

א) די וואונדער פון די השגחה העליונה. אויב די יונגעלייט וועלכע טוהען אין "קירוב", וואָלטן געבליבן לערנען אין דער שול אין ראשון לציון, אָדער אויפ'ן הויף, וואָלט דאָך דער שומר נישט געשטאַנען אויף דער גאַס און געזוכט דורכגייער וואָס זאָלן אַריינקומען לערנען מיט זיי, און דווקא דער עקשנות פון דעם גבאי זיי נישט צו לאָזן לערנען אין שול אָדער אינעם הויף, איז זיי בייגעשטאַנען צו קענען ראַטעווען אַ אידיש נפש.

ער מקדים געווען "מוצאיהם" צו "מסעיהם", און דערנאָך שרייבט די תורה פאַרקערט: "ואלה מסעיהם למוצאיהם". ביי די 42 מסעות וואָס די אידן האָבן געמאַכט אין מדבר, זענען זיי אַדורכגעגאַנגען פאַרשידענע איבערקערענישן: אין מרה, האָבן זיי געהאַט ביטערע וואַסער; אין אילים, האָבן זיי געהאַט 70 טייטלביימער, און דאָס וואַסער איז געווען זיס. אין אַן אַנדערן אָרט, האָבן זיי בכלל נישט געהאַט וואַסער, און ענליכע פאַסירונגען. יעדע מסע, און איר אייגענע געשעעניש.

**דער** מענטש וואָס גלייבט נישט אין די הנהגה פון דעם אויבערשטען און זיין השגחה פרטית, מיינט אַז נאָר דערפאַר ווייל ער איז אָנגעקומען אין יענעם אָרט, האָט פאַסירט מיט איהם אַזוי און אַזוי. די אידן האָבן געמיינט, ווייבאַלד זיי זענען געווען אין "מרה", האָבן זיי געהאַט ביטערע וואַסער, און אויב זיי וואָלטן אויסגעמיטן אַהין צו קומען, וואָלטן זיי אויסגעמיטן די ביטערע וואַסער. די זעלבע האָבן זיי געקענט טראַכטן, ווייבאַלד זיי זענען געווען אין "אילים", האָבן זיי געהאַט זיסע וואַסער. באמת איז דאָס אָבער נישט ריכטיג, נאָר אדרבה, פונקט פאַרקערט: ווייבאַלד עס האָט מיט זיי געדאַרפט פאָרקומען אַ געוויסע פאַסירונג, אין אַ געוויסן אָרט, האָט דער אויבערשטער זיי אַהין געפירט.

**דאָס** איז די כוונה פונעם פסוק: "ויכתוב משה את מוצאיהם למסעיהם על פי ה'", משה רבינו ע"ה האָט געלאָזט וויסן פאַר די אידן, אַז "מוצאיהם" אַלע זייערע פאַסירונגען [פון לשון פון פסוק (יהושע ב, כג) כל 'המוצאות' אותם] זענען נישט געווען דערפאַר ווייל זיי זענען געפאָרן אַהין צו יענעם אָרט, האָט מיט זיי פאַסירט אַזוי און אַזוי, נאָר אַלעס איז געווען "למסעיהם על פי ה'". דער אויבערשטער האָט באַפוילן זיי זאָלן זיך ציען צו אַ געוויסן אָרט, כדי עס זאָל פאַסירן אַזוי און אַזוי. אָבער מ'טאָר נישט טראַכטן חלילה, "ואלה מסעיהם" - ווייבאַלד זיי האבן זיך געצויגן צו יענעם אָרט, "למוצאיהם" - האָט מיט זיי געטראָפן יענע פאַסירונג[ג].

---

ב) דער כח פון התחזקות, אַפילו אויף אַ זאַך וואָס זעהט אויס ווי אַ "קלייניגקייט". יענער איד האָט נישט געוואָלט גיין אויף דער הויפּט-גאַס פון דער שטאָט ראשון לציון, כדי נישט פוגם צו זיין זיינע אויגן, און דאָ האָט דער אויבערשטער פאַר איהם געעפענט אַזאַ ברייטע טיר, מיט אַ חברותא, און מיט תפילין...

ג) 'ועל כולם' - און מער פון אַלעם, זעהען מיר דאָ דעם גרויסן כח פון תפילה. דער אויבערשטער איז דער 'שומע תפלת כל פה', אָפּגעזעהן אין וועלכן מצב דער וואָס דאַוונט צו איהם, געפינט זיך.

**ג.** אויף אַן אַנדערן אופן, זאָגן די ספרים (לויט די ווערטער פונעם "ייטב לב"), אַ משל: אַ קעניג האָט געשיקט זיין געטרייען קנעכט אין אַ געוויסן אָרט. איז דער קנעכט געגאַנגען צום פּאָרט, כדי אַרויפצושטייגן דאָרט אויף אַ שיף וואָס פאָרט צו דעם אָרט וואו דער קעניג שיקט איהם. אָנקומענדיג צום האַפען, האָט דער קנעכט געהערט אַז די שיף איז יעצט אָפּגעפאָרן צו יענעם אָרט, און נאָך מער: פון דאָ וועט שוין נישט אַרויספאָרן נאָך אַ שיף צו דעם אָרט וואו ער דאַרף פאָרן. ערשט צומאָרגנס, וועט אָפּרייזן אַ שיף אַהין, אָבער פון אַ צווייטן האַפען, וואָס איז ווייט אוועק פון דא. דער קנעכט האָט זיך גענומען וואַנדערן אויף פאַרשידענע וועגן, ביז ער וועט דערגרייכן זיין ציל. דער קנעכט איז געווען פול מיט צער און עגמת נפש, טראַכטנדיג ביי זיך, אַז יעצט וועט ער זיך דאַרפן וואַלגערן אויף אַ גאָר שווערן וועג. דער קעניג האָט דאָך איהם געשיקט צו יענעם אָרט, און אויב ער וואָלט זיך צוגעאיילט, וואָלט ער דערגרייכט זיין ציל מיט אַ שיף אויף אַ רואיגן און בכבוד'יגן אופן.

אָבער אויב דער קנעכט וועט הערן אַז די שיף איז אָפּגעפאָרן שנעל פון דאָ, ווייל אַזוי האָט דער קעניג באַפוילן, דווקא צוליב דעם, אַז דער קנעכט זאָל זיך דאַרפן וואַלגערן אויף אַ שווערן, אויסמאַטערנדיגן וועג, וועט ער זיך אַוודאי פרייען מיט'ן געדאַנק, אַז זיין פלאָג און האָרעוואַניע איז נישט אומזיסט, ווייל דער גאַנצער ציל פון זיין יעצטיגע רייזע איז דאָך נאָר כדי צו טוהן דעם ווילן פונעם קעניג, און אויב דער קעניג וויל עס זאָל פאָרקומען אויף אַן אַנדערן אופן, פרייט ער זיך אַז ער קען ערפילן דעם קעניג'ס באַפעל (ווייל דער קעניג האָט דאָך זיכער אַ תכלית און אַ גוטע סיבה פאַרוואָס דער קנעכט זאָל זיך אַרומוואַלגערן אויף אַ שווערן וועג). ממילא, איז יעדע שוועריגקייט וואָס ער האָט אויפ'ן וועג פאָרנדיג צו זיין ענדגילטיגן ציל, וועט איהם נאָר פרייליכער מאַכן. דער נמשל איז זעלבסט-פאַרשטענדליך...

אָט דאָס איז די כוונה פון פסוק: "ויכתוב משה את מוצאיהם למסעיהם". דער מענטש זאָל וויסן פאַרוואָס עס האָט איהם "געטראָפן" אַז ער האָט פאַרשפעטיגט די שיף, אַז ער האָט געדאַרפט טוישן די גאַנצע רייזע. דאָס

**דער** כלל איז, דער אויבערשטער איז דער "מסבב כל הסיבות", און ער פירט-צו אַז דער מענטש זאָל אָנקומען אויף אַ געוויסן אָרט, ווייל דאָרט האָט דער אויבערשטער באַשטימט פאַר איהם אַ שליחות[ד], און אַ תפקיד אויף דער וועלט[ה].

**וממנה יוושע - פון די צרה אַליין קומט אַרויס די ישועה**

"ומצרים מקברים את אשר הכה ה' בהם כל בכור" (מסעי לג, ד), און די מצריים האָבן באַגראָבן וואָס דער אויבערשטער האָט געשלאָגן צווישן זיי, די בכורים. זאָגט רש"י: "טרודים באבלם".

---

האָט פאַסירט דערפאַר ווייל "למסעיהם על פי ה'". דער אויבערשטער קוקט אויף איהם מיט אַ השגחה פרטית פון הימל, און ער שטעלט אויס אַלע זיינע וועגן. דער מענטש טאָר נישט טראַכטן חלילה אַז "אלה מסעיהם" - אַלע זיינע מסעות זענען נאָר "למוצאיהם", ווייל אַזוי האָבן איהם "געטראָפן" די פגעי ומקרי הזמן, און זיי זענען דער גורם אַז ער זאָל זיך דאַרפן פלאָגן מיט איבעריגע מסעות.

אין אונזער תקופה, איז דאָס אַ גוטער לימוד פאַר איינעם וואָס האָט פאַרשפעטיגט דעם באַס, אָדער דעם עראָפּלאַן, די באַנק, אָדער דעם דאָקטאָר, דעם עסקן, אָדער די "גראָסערי", א.ד.ג. ער זאָל נישט טראַכטן אַפילו פאַר איין מינוט, אַז ער איז אַ "שלימזל", און אַז אויב ער וואָלט זיך אַביסל צוגעאיילט, וואָלט ער אַלעס באַוויזן צו טרעפן באַצייטנס, ווי מיר זעהען אָפט מאָל, אַז נאָך אַזאַ "פאַרשפעטיגונג" איז פשוט אַ "סכנה" צו שטיין אין די ד' אמות פון דעם וואָס האָט "געשפעטיגט"... נאָר ער זאָל וויסן אַז אַלעס איז שוין פאַרשריבן געוואָרן אין הימל פון פריער, און אַלע טריט און מסעות פון דעם מענטש, זענען געוואויגן און געמאָסטן אין הימל, לויט דעם תיקון, וואָס דער מענטש דאַרף אַדורכגיין אויף דער וועלט פאַר זיין טובה.

אַזוי האָט געזאָגט הגה"צ רבי יצחק דוד גוטפאַרב זצ"ל, פון די נקיי הדעת שבירושלים, אַז ער האָט קיינמאָל נישט פאַרשפעטיגט אַן אויטאָבוס, נאָר ער איז יעדעס מאָל געקומען אויף דער באַס-סטאַנציע, אַ לאַנגע צייט פאַר דעם אָנקום פונעם קומענדיגן אויטאָבוס... אויך אויב ער איז אנגעקומען אַפילו איין מינוט נאָך דעם ווי דער באַס איז אַוועקגעפאָרן פון דער סטאַנציע, אָדער דער באַס איז פאַרביי געפאָרן פאַר זיינע אויגן, איז דאָך דאָס בלויז צוליב דעם וואָס יענער באַס איז נישט געווען זיינער...

**ד.** עס שטייט אין ספה"ק "דברי שמואל" (בלק, ד"ה "וירא פינחס"), וועגן דעם וואָס פנחס האָט גענומען די שפיז צו הרג'ענען זמרי, "לפעמים מזדמן לאדם שרואה איזה ענין", עס טרעפט זיך אַמאָל אַז דער מענטש זאָל זעהן אַ געוויסע זאַך. דאַרף ער וויסן אַז עס איז זיכער צוגעפירט געוואָרן אַזוי מיט אַ השגחה פון הימל. און ער האָט געדאַרפט זעהן די זאַך, און פאַררעכטן וואָס מ'דאַרף פאַררעכטן דערפון. "על כן ויקח רומח", און וועגן דעם האָט ער גענומען די שפיז, און גע'הרג'עט זמרי'ן.

דאָס איז נאָך מער געזאָגט געוואָרן בנוגע זאַכן וואָס רירן אָן "בין אדם לחבירו". אין די יעצטיגע וואָכן - ווען מיר טרויערן אויפ'ן חורבן הבית, איז די צייט צו פאַרמערן "אהבת חינם". אויב מיר זעהען איינעם וואָס ליידט נעבעך, זאָל מען נישט זאָגן, "שלום עלי נפשי", נאָר מ'זאָל געדענקען אַז פון הימל האָט מען אַזוי אונטערגעפירט פאַר אונז, מיט אַ פונקטליכע השגחה פרטית, כדי מיר זאָלן זעהן צו העלפן יענעם.

מ'דערציילט, אַן אלמנה האָט געדינגען אַ דירה, אָבער זי האָט ליידער נישט געהאַט געלט צו צאָלן דירה-געלט. דער חוב איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג און פון חודש צו חודש, ביז עס האָט געפלאַצט דער געדולד ביי דעם אייגנטימער פון דער דירה, און ער האָט איר געלאָזט וויסן, אַז אויב זי וועט נישט אויסצאָלן דעם גאַנצן חוב ביז אַ געוויסן טאָג, וועט ער איר אַרויסשטעלן פון דער דירה, צוזאַמען מיט אירע חפצים.

ווען מ'האָט עס דערציילט פאַר'ן גערער רבי'ן, הרה"ק בעל "אמרי אמת" זי"ע, האָט ער געשיקט רופן דעם באַלעבאָס, און איהם אויסגע'מוסר'ט פאַר זיין שרעקליכע דראָאונג, אַרויסצושטעלן אַן אלמנה פון דער הויז. דער גערער רבי האָט איהם געזאָגט, אַז ער איז מחויב צו לאָזן איר וואוינען אין דער דירה, טראָץ דעם חוב וואָס איז געוואַקסן ביז יעצט, און ס'וואַקסט נאָך ווייטער.

האָט דער איד געפרעגט דעם "אמרי אמת": "פאַרוואָס איז דער רבי 'מזכה' נאָר מיך, מיט דער דאָזיגער גרויסער מצוה? פאַרוואָס זאָל מען זיך נישט ווענדן צום גאַנצן עולם, אַז יעדער איינער זאָלביישטייערן פאַר דער גרויסער צדקה. אויך איך, וועל ביישטייערן מיין חלק, און זיך משתתף זיין מיט אַ געוויסן סכום. פאַרוואָס דאַרף איך עפּעס אַליין טראָגן דעם גאַנצן עול?!...".

האָט דער "אמרי אמת" איהם געענטפערט, אַז דאָס לערנען מיר פון אַ בפירוש'ע משנה (גיטין מא.), "מי שחציו עבד וחציו בן חורין", אַ מענטש וואָס איז אַ האַלבער קנעכט, און האַלב-פריי (צום ביישפיל, ער איז געווען דער קנעכט פון צוויי שותפים, און שפעטער האָט איינער פון די שותפים באַפרייט זיין חלק אינעם קנעכט). זאָגן די בית הלל, אַז ער דאַרף אַרבעטן פאַר זיין האַר איין טאָג, און דעם אַנדערן טאָג איז ער פריי, פאַר זיך. האָבן די בית שמאי געזאָגט צו די בית הלל: איר האָט געגעבן אַן עצה פאַר זיין האַר, אָבער נישט פאַר איהם זעלבסט, ווייל מיט אַ דינסט, קען ער נישט חתונה האָבן, ווייל ער איז אַ האַלבער "בן חורין"; מיט אַ "בת חורין" קען ער נישט חתונה האָבן, ווייל ער איז דאָך אַ האַלבער קנעכט, וואָס צוליב דעם חלק פון זיין קנעכטשאַפט, קען ער נישט חתונה האָבן מיט אַ געווענליכע פרוי. נאָר וואָס דען, זאָגן די בית שמאי, אַז "משום תיקון העולם, כופין את רבו ועושה אותו בן חורין", פאַר דער טובה פון די וועלט, צווינגט מען זיין האַר אַז ער זאָל איהם באַפרייען, און ער שרייבט איהם אָפּ אַ שטר אויף דער העלפט פון זיין ווערד. פירט אויס די משנה: "וחזרו בית הלל להורות כדברי בית שמאי". און דערנאָך האָבן די בית הלל גע'פּסק'ענט אַזוי ווי בית שמאי.

האָט דער "אמרי אמת" געזאָגט, ס'איז דאָך קלאָר אַז דער האַר האָט שאָדן פון דעם וואָס ער לאָזט איהם אַרויס אויף דער פריי, ווייל ער באַקומט נישט יעצט די ווערד פונעם קנעכט וואָס ער האָט געהאַט פריער (דער קנעכט האָט דאָך נישט קיין אייגן געלט איהם צו באַצאָלן פאַר'ן איהם אַרויסלאָזן פריי). ער באַקומט נאָר אַ התחייבות פונעם קנעכט, אַז ווען ער וועט פאַרדינען געלט, וועט ער איהם באַצאָלן פאַר באַפרייען איהם. לכאורה, קען דאָך דער האַר טענה'ן, "פאַרוואָס דאַרף איך שאָדן האָבן צוליב 'תיקון העולם', כדי דער קנעכט זאָל קענען חתונה האָבן?... זאָל מען מאַכן אַן 'אַפּיעל', אַז אַ סאַך מענטשן זאָלן ביישטייערן געלט אויסצולייזן דעם קנעכט. נאָר וואָס דען, פון דאַ זעהט מען אַז אויב עס איז אונטערגעקומען פאַר דיר די מצוה, איז דאָך דאָס אַ קלאָרע באַווייז, אַז פון הימל האָט מען דווקא אונטערגעשיקט די מצוה פאַר דיר, און דו האָסט נישט דאָס רעכט אַרויסצודרייען זיך פון די מצוה...

עטליכע יאָר צוריק, איז אַ חתן געפאָרן מיט'ן באַס, אַ וואָך פאַר זיין חתונה. זיצנדיג אויפ'ן באַס, האָט ער געהערט ווי איינער וואָס זיצט אויף דער פאָדערשטער באַנק פאַר איהם, רעדט זיך אָפּ פאַר זיינס אַ ידיד, אַז ער וואָלט זייער געוואָלט אַריינגיין פאַר זיין חתונה צו אַ געוויסן גדול, כדי צו באַקומען פון איהם אַ ברכה, אָבער וואָס קען ער טוהן, אַלע זיינע באַמיאונגען אַריינצוקומען צו יענעם גדול, זענען דורכגעפאַלן.

האָט דער חתן (וואָס איז געזעסן אויף דער באַנק אונטער זיי), וועלכער האָט רחמנות באַקומען אויף יענעם חתן, געקלאַפּט אויף דער פלייצע פונעם חתן וואָס איז געזעסן פאַר איהם, און איהם געזאָגט: "אַנטשולדיג מיר אַז איך מיש זיך אין דיינע געשעפטן, אָבער וואָס זאָל איך טוהן, אַז דו האָסט גערעדט אַביסל הויך... איך האָב געהערט וואָס עס דרוקט דיך. אַלזאָ, אויב דו ווילסט, קען איך רעדן מיט מיין פעטער, וועלכער איז אַן איידים פון דעם גדול צו וועמען דו ווילסט אַריינקומען פאַר דיין חתונה, און דורך איהם, קען איך פאַר דיר ערלעדיגן 'פּראַטעקציע' אַריינצוקומען צו איהם נאָך היינטיגע וואָך".

די צוויי חתנים האָבן זיך "צעשמועסט", און רעדנדיג וועגן זייער חתונה, האָט איינער געפרעגט דעם צווייטן, ווען עס וועט זיין די חתונה, און יענער האָט געענטפערט, קומענדיגן מיטוואָך הבעל"ט. זאָגט דער חתן, "אויך מיין חתונה איז געפּלאַנט אויף קומענדיגן מיטוואָך". "און ווי וועט פאָרקומען דיין חתונה?", האָט ער געפרעגט דעם חתן וואָס איז געזעסן פאָרנט פון איהם. האָט יענער איהם געענטפערט: "אין פּתח תקוה". "ממש וואונדערליך, ווייל אויך מיין חתונה, וועט האָפענטליך פאָרקומען בשעה טובה ומוצלחת, אין פּתח תקוה".

דערנאָך פרעגט ער יענעם חתן: "אין וועלכן זאַל וועט געפּראַוועט ווערן דיין חתונה?", האָט יענער געענטפערט: "אין דעם זאַל וואָס הייסט 'אצולה'". זאָגט איהם דער צווייטער חתן: "איך האָב נישט געוואוסט, אַז דאָרט זענען פאַראַן צוויי זאַלן...".

ווען דער חתן איז אַהיים געקומען, האָט ער דערציילט פאַר זיין טאַטן די געשיכטע וואָס ער האָט געהאַט אויפ'ן באַס, און געזאָגט אַ נערוועזער צו זיין פאָטער: "טייערער טאַטע, מיר זענען דאָך געגאַנגען צוזאַמען צום זאַל, באַשטעלן דעם דאַטום פאַר די חתונה, און דו אַליין האָסט געזעהן אַז דאָרט איז נישט פאַראַן מער ווי איין חתונה-זאַל. איז ווי קענען צוויי חתנים און כלות חתונה האָבן אין זעלבן בנין, אין זעלבן אָוונט?!...". האָט דער טאַטע זיך באַלד פאַרבונדן מיט דער פאַרוואַלטונג פונעם חתונה-זאַל, און יענער האָט טאַקע "מודה געווען", אַז ער האָט איהם געזאָגט ווען ער איז געקומען באַשטעלן דעם זאַל פאַר די חתונה, אַז דער קאָנטראַקט איז נישט

גילטיג, ביז ער וועט נישט ברענגען אַ 'דעפּאָזיט', און וויבאַלד ער האָט נישט געברענגט דאָס געלט, האָבן זיי אונטערגעשריבן געשלאָסן אַ קאָנטראַקט מיט דעם אַנדערן מענטש וואָס האָט געוואָלט האָבן דעם זאַל.

דער פֿאָטער פונעם חתן, האָט נישט געוואוסט וואו זיך אַהינצוטוהן פון עגמת נפש, ווייל ער האָט שוין געהאַט אַרויסגעשיקט הונדערטער איינלאַדונגען צו די חתונה. צום סוף, האָבן עטליכע באַקאַנטע עסקנים זיך אַריינגעלייגט אין דער זאַך, און האָבן איהם ערלעדיגט אַ חתונה-זאַל, צוויי גאַסן ווייטער פון 'אצולה'.

אַז מ'איז זיך מתבונן אין דער פּאַסירונג, זעהט מען: אויב דער חתן וואָלט געטראַכט ביי זיך, "וואָס האָב איך זיך אַריינצומישן אין יענעמ'ס דאגות. יענער האָט דאָך בכלל נישט גערעדט מיט מיר אַז ער וויל אַריינקומען פאַר זיין חתונה צו יענעם גדול...", וואָלט ער מסתמא געפּראַוועט זיין אייגענע חתונה אין אַ ווינקל פון הויף פונעם 'אצולה' זאַל, און ס'איז אַפילו מעגליך, אַז אויך פון דאָרט וואָלט מען איהם פאַרטריבן...

ווען מיר זענען זיך מתבונן איבער די סיבה פון חורבן הבית, און אינעם שורש פון ביטערן גלות אין וועלכן מיר געפינען זיך ביז'ן היינטיגן טאָג, זעהט מען אַז דאָס האָט פּאַסירט צוליב דעם וואס מענטשן האָבן זיך נישט געוואָלט "אַריינמישן"... ווי די גמרא (גיטין נו.) דערציילט, אַז צוליב "קמצא ובר קמצא" איז חרוב געוואָרן די שטאָט ירושלים.

די גמרא שילדערט דאָרט באריכות די מעשה פון אַ רייכן מאַן וואָס האָט געהאַט אַ גוטן פריינט מיט'ן נאָמען "קמצא", און אַ שונא וואָס האָט געהייסן "בר קמצא". ער האָט חתונה געמאַכט אַ קינד, און זיין משרת איז געשיקט געוואָרן צו לאַדענען "קמצא", אָבער דער משרת האָט בטעות גערופן "בר קמצא", דעם שונא פון זיין האַר, אנשטאט זיין גוטן פריינט "קמצא". ווען בר קמצא איז אָנגעקומען צו דער חתונה-סעודה, האָט דער מחותן - זיין שונא - איהם פאַרטריבן מיט בושות פון דער סעודה. שפּעטער האָט "בר קמצא" (שוין נאָכ'ן וועלן באַצאָלן די הוצאות פון דער גאַנצער סעודה, כדי נישט צו ליידן בזיונות), געזאָגט, אַז וויבאַלד די חכמים זענען געזעסן ביי די חתונה און זיי האָבן נישט מוחה געווען ווען דער מחותן האָט איהם פאַרטריבן מיט אַזעלכע בושות פון דער חתונה, איז אַ סימן אַז עס איז פאַר זיי געווען ניחא זיין בזיון. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, ביז ער האָט ליידער גורם געווען דעם חורבן בית המקדש רח"ל.

אַז מען טראַכט זיך אַריין דערין, אויב די גדולי ישראל וואָס זענען געזעסן ביי דער סעודה, וואָלטן געוואוסט אַז דורך זייער שטילשווייגעניש וועט עס דערגרייכן אַזוי ווייט אַז דער בית המקדש זאָל חלילה חרוב ווערן, וואָלטן זיי זיך דאָך אַוודאי אויפגעשטעלט פון זייערע פלעצער, און אָנגעשריגן דעם מחותן. זיי וואָלטן אַפילו מלחמה געהאַלטן דערפאַר אַז בר קמצא זאָל קענען זיין אָנוועזנד ביי דער חתונה...

פון דעם דאַרף זיך יעדער איינער אָפּלערנען, ווי שרעקליך עס איז ווען מ'טשעפּעט מיט אַ צווייטן מענטש, און אַז אָפט מאָל איז דאָס שטילשווייגן (ווען מ'איז בכח אַפילו מיט איין וואָרט, צו ראַטעווען דעם צווייטן) אַזוי ווי מ'טשעפּעט איהם בפועל ממש... ודי למבין.

די גמרא זאָגט (פסחים פו:) "כל מה שיאמר לך בעל הבית עשה", דו ביזט מחויב צו פאָלגן אַלעס וואָס דער בעל הבית באַפעלט דיר. אין אונזערע גמרות, זענען אַרומגערינגלט נאָך צוויי ווערטער: "חוץ מצא" - אויסער ווען ער הייסט דיך אַרויסגיין פון דאָרט (זעה "מגן אברהם", סי' קע, סק"י).

האָט אויף דעם געזאָגט דער גערער רבי, הרה"ק בעל "אמרי אמת" זי"ע, אַז אין אָנהייב, ווען "בר קמצא" איז געוואָרן פאַרשעמט דורך זיין בעל הבית וועלכער האָט איהם באַפוילן צו פאַרלאָזן דעם זאַל, האָבן די אָנוועזנדע חכמים געשוויגן און נישט מוחה געווען, ווייל זיי האָבן געטראַכט ביי זיך, אַז "בר קמצא" דאַרף טאַקע פאָלגן דעם מחותן און פאַרלאָזן דאָס אָרט, ווייל חז"ל זאָגן דאָך "כל מה שיאמר לך בעל הבית עשה" (און ווענן דעם, האָבן די חז"ל נישט קודם געשריבן די ווערטער "חוץ מצא"). נאָר נאָך דעם ווי זיי האָבן געזעהן אַז דאָס האָט ליידער גורם געווען צום חורבן הבית, האָבן זיי זיך באַרעכנט, אַז כאָטש מיר האָבן אַ כלל אַז מ'דאַרף פאָלגן אַלעס וואָס דער בעל הבית זאָגט, איז אָבער פאַרהאַן אַן אויסנאַם: "חוץ מצא" - אויסער ווען דער בעל הבית הייסט דיך פאַרלאָזן זיין הויז. אויב די געסט זעהען ווי דער באַלעבאָס פאַרשעמט איינע פון די געסט, טאָרן זיי נישט שווייגן און "אָננעמען מיט ליבשאַפט" דעם בזיון פון זייער חבר, נאָר אדרבה, זיי דאַרפן ראַטעווען דעם גאַסט פון אַ בזיון, און אַזוי וועלן זיי צואיילן די גאולה, אַז אידישע קינדער זאָלן בקרוב אויסגעלייזט ווערן פון גלות.

**ה.** און כאָטש מ'דערקענט נישט אַמאָל אַז עס איז צום גוטן, דאַרף מען גלייבן דערין. די תורה רעכנט דאָ אויס די 42 "מסעות" וואָס די אידן האָבן געמאַכט פון מצרים קיין ארץ ישראל. ביי 41 פון די 42 מסעות, זענען זיי נאָך נישט אָנגעקומען אין ארץ ישראל, וואָס דאָס איז געווען זייער הויפּט-ציל. ערשט ביי די 42'טע מסע, זענען

די מצריים זענען געווען פאַרנומען מיט זייער טרויער (אויף זייערע טויטע).

**וואונדערליבע** ווערטער זאָגט דער "אור המאיר": דער פסוק קומט דאָ ווייזן די גרויסקייט פון די קלוגע מענטשן וואָס פאַרלאָזן זיך אויף דעם אויבערשטען און האָבן אמונה אין איהם, אַז אַלעס וואָס עס פּאַסירט מיט זיי, פון גוטס ביז שלעכטס ח"ו, אַלעס איז מיט אַ השגחה פּרטית פונעם אויבערשטען ברוך הוא[ו], ווייל זייער נפש ווייסט זייער גוט אַז דער אויבערשטער ברוך הוא איז דער "בורא ומנהיג ומשגיח בפרטי פרטיות"[ז], און אויב ער טוט גוטס מיט זיי, אויף יעדן אופן, גיבן זיי איהם צוריק אַ לויב און דאַנק פאַר זיינע גרויסע און איבעריגע חסדים. און אויך פאַרקערט, ווען עס גייט זיי חלילה נישט גוט ווייסן זיי און זיי גלייבן אַז אויך דאָס איז פון דעם אויבערשטען, וויבאַלד זיין הייליגע חכמה יתברך האָט גוזר געווען מתקן צו זיין

---

זיי אַריינגעקומען אין הייליגן לאַנד. פונדעסטוועגן ווערן אַלע 41 ציאונגען גערופן "מסעות". זעהט מען פון דעם אַז יעדער שריט איז אַ "מסע", ווייל דער אויבערשטער האָט אַ תכלית צוגעגרייט פאַר יעדן שריט און טריט וואָס דער מענטש מאַכט אויף דער וועלט.

**ו.** דער באַקאַנטער חסיד רבי לייבל קוטנער זצ"ל (וועלכער האָט פאַרלוירן זיין גאַנצע משפחה אין די ביטערע צווייטע וועלט מלחמה, אָבער ער איז פאַרבליבן פעלזן-פעסט ביי זיין קלאָרע און שטאַרקע אמונה), איז אַמאָל געווען אין "מעייני הישועה" שפּיטאָל אין בני ברק. אַמאָל האָט דער דאָקטאָר איהם אַרויסגענומען אויף אַ שפּאַציר, און שפּאַצירנדיג, האָט ער געזאָגט צו ר' לייבל'ען: "דו דאַרפסט נישט מורא האָבן, ווייל איך כאַפּ דיך אָן". האָט רבי לייבל איהם געזאָגט:

- דו כאַפּסט מיך אָן? דו האַלטסט דאָך נאָר מיינע 'פּידזשאַמעס'... מיך, האַלט-אָן אַן אַנדערער...

נאָך אַ מעשה, וואָס האָט פּאַסירט מיט רבי לייבל: ער האָט אַמאָל געבעטן דרינגענד הרה"ח ר' מאָטל מייעראַנץ ז"ל, ער זאָל אַריבערקומען צו איהם. ווען ר' מאָטל איז געקומען, האָט ר' לייבל, אַ דערשיטערטער, איהם דערציילט, אַז אַ מגיד שיעור איז געקומען צו איהם און האָט איהם געזאָגט, אַז שוין עטליכע חדשים וואָס מ'האָט איהם נישט באַצאָלט זיין געהאַלט. דעריבער בעט ער פון רבי לייבל ער זאָל אויסנוצן זיין השפּעה אויף די הנהלה פון דער ישיבה, אַז מ'זאָל זעהן איהם צו באַצאָלן וואָס ס'קומט איהם. ר' לייבל האָט אויך דערציילט, אַז יענער מגיד שיעור האָט איהם געזאָגט: "איך האָב דאָך געקענט גיין האַנדלען אויף פּרנסה און פאַרדינען אַ סאַך געלט... און ממילא איז עס נישט אַ יושר אַז איך זאָל נישט באַקומען מיין געהאַלט, וויבאַלד איך האָב אויסגעקליבן פאַרצולערנען שיעורים אין דער ישיבה". און דאָ, האָט ר' לייבל זיך צעשריגן:

- צו דען טוט ער (דער מגיד שיעור) עפּעס אַליין? ער זאָגט אַז ער האָט געקענט גיין פאַרדינען געלט... דער אויבערשטער איז דאָך דער וואָס פירט די וועלט!...

און רבי לייבל האָט ווייטער געזאָגט צו רבי מאָטל:

- איי, ווייסטו פרעגן, פאַרוואָס האָב איך דיך גערופן אַהער?! וואָס האָסטו מיט איהם? איך האָב אָבער געטראַכט ביי זיך, ווי אַזוי איז מעגליך אַז אַ יונגערמאַן וואָס דרייט זיך צווישן אונז, זאָל רעדן אַזעלכע ווערטער פון כפירה? האָב איך זיך נאָכגעפרעגט, און איך האָב אויסגעפונען, אַז יונגעררהייט האָט דער יונגערמאַן געלערנט אין ישיבה וואו דיין זון דינט אַלס "משגיח". דעריבער האָב איך דיך שנעל אַריבערגערופן, אַז דו זאָלסט רעדן מיט דיין זון און איהם מעורר זיין פאַרוואָס ער טוט נישט אַריינדרינגען גענוג אמונה אין די הערצער פון די תלמידים...

האָט רבי מאָטל זיך פאַרבונדן מיט זיין זון, און איהם איבערגעגעבן די גאַנצע מעשה. האָט דער זון איהם געענטפערט: "זיי רואיג, איך רעד טאַקע כסדר פון אמונה אין מיינע שמועסן פאַר די תלמידים, אָבער דער דאָזיגער יונגערמאַן, איהם זענען מיינע ווערטער נישט אַריין אין האַרץ, ווייל עס איז איהם שטענדיג 'גוט' געגאַנגען אין לעבן, ברוך ה'. עס האָט איהם נישט געפעלט כשרונות, ער האָט שטענדיג געהאַט די בעסטע חברותות אין ישיבה, און ווען ער איז געקומען אין עלטער פון "פּרק האיש מקדש" - צו טוהן אַ שידוך, איז ער תיכף געוואָרן אַ חתן... דעריבער האָט ער נישט געלערנט די "סוגיא" פון אמונה אויף אַ "למעשה'דיגן" אופן...

**ז.** אַזוי האָבן צדיקים געטייטשט דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה, מסעי (לה, יא) "והקריתם לכם". זאָגט רש"י, אַז דאָס וואָרט "והקריתם" איז אַ לשון פון צוגרייטונג, ווי דער פסוק זאָגט (בראשית כז, כ) "כי הקרה ה' אלקיך לפני", (יעקב אבינו ע"ה האָט געזאָגט צו זיין פאָטער יצחק) ווייל דער אויבערשטער האָט מיר צוגעגרייט (די מאכלים). האָבן

זייער ענין, פאַר איינע פון די אורזאַכן וואָס זענען באַקאַנט פאַר דעם באַשעפער ברוך הוא, און דאַן איז דער חכם וואָס האָט די אויגן אין קאָפּ, איז ער זיך מתבונן מיט זיין שטאַרקן שכל, אַז דער אויבערשטער איז דאָך דער בעל הרחמים וואָס טוט אייביג גוטס מיט זיינע באַשעפענישן, און חז"ל זאָגן אַז "יותר ממה שהעגל רוצה לינק, הפרה רוצה להניק" - מער ווי דאָס קעלבל ווילל זייגן, וויל די קוה (איר מאמע) איר געבן צו זייגן. אויב אַזוי, פאַרוואָס האָט ער כביכול מיר געטוהן שלעכטס ח"ו? מסתמא איז אויך אין דעם, באַהאַלטן אַ בחינה פון גוטס[ח].

**ברענגט** דער "אור המאיר" דעם פסוק (ירמיה ל, ז) "ועת צרה היא ליעקב וממנה יוושע". עס

---

צדיקים געזאָגט, אַז דאָס איז אַ רמז פאַר יעדן מענטש אין אַלע זיינע פאַסירונגען, אַז אויך דאָס וואָס עס דאַכט זיך איהם אַז עס האָט פאַסירט "אַלס אַ צופאַל", איז באמת גאָרנישט געשעהן פון זיך אַליין, נאָר עס איז "צוגעגרייט" געוואָרן דורך דעם אויבערשטען פאַר איהם, מיט אַ געגויען חשבון אין הימל.

ענליך שרייבט דער "חזון איש" זי"ע, אין זיין ספר "אמונה ובטחון" (פ"ב) אַז די מדה פון בטחון מיינט אויך, מ'זאָל זיך "אַוועקשטעלן" אויף די נקודה פון אמונה... "כי לא המקרה פגעו, שאין מקרה בעולם כלל", ווייל נישט דער "צופאַל" האָט איהם געטראָפן, ווייל אויף דער וועלט איז בכלל נישט פאַרהאַן אַ "מקרה" - אַ "צופאַל", נאָר אַלעס איז פון דעם אויבערשטען, עכ"ל.

אַזוי האָבן שוין געזאָגט פריערדיגע צדיקים: דאָס וואָרט "מקרה" האָט די זעלבע אותיות ווי "רק מה'" - אַלעס איז נאָר פון דעם אויבערשטען.

**ח.** די עצם אמונה אַז אַלעס איז פון הימל, איז ממשיך אויפ'ן מענטש רחמים און חסדים פון באַשעפער.

אַזוי געפינען מיר אָנהייב היינטיגע סדרה, מטות (ל, כ) "וידבר משה אל ראשי המטות לבני ישראל לאמור, זה הדבר אשר ציווה ה'". זאָגט הרה"ק מחמעלניק זי"ע (געברענגט אין ספר "ארץ החיים", להגר"ח ליבערזאהן ז"ל, מערכה אות א') אַז פון דאָ לערנען מיר, אַז ווען עס זעהט אויס פאַר'ן מענטש אַז זיין וועג פון הצלחה בייגט זיך "אַראָפּ" ח"ו ("המטות" איז פון לשון "מטה", אַ רמז אויך פאַר איינעם וואָס זיין מצב איז נעבעך "מטה מטה" רח"ל), זאָל ער נישט פאַרלירן ח"ו די אמונה אין דעם אויבערשטען, נאָר ער זאָל אַלעס אָננעמען באהבה, און ער זאָל זאָגן: "זה הדבר אשר ציווה ה'", אַזוי האָט דער אויבערשטער באַפוילן. ער זאָל וויסן און גלייבן אַז "כל מה דעביד רחמנא לטב עביד".

און דער חמעלניקער פירט אויס: "וכאשר יעשה כן, אני מבטיחו שיעלה על במתי ההצלחה אם ירצה השם", און ווען ער וועט אַזוי טוהן, בין איך איהם מבטיח אַז ער וועט האָבן גרויס הצלחה, מיט'ן אויבערשטען'ס הילף.

[אַנדערע ספרים טייטשן די ווערטער "ראשי המטות", פון לשון "בייגן דעם קאָפּ". דאָס "בייגן דעם קאָפּ" איז די זאַך וואָס דער אויבערשטער האָט באַפוילן ("זה הדבר אשר ציווה ה'"), ווייל דער תכלית פונעם מענטש איז אַראָפּצובייגן דעם קאָפּ מיט הכנעה פאַר'ן באַשעפער ברוך הוא].

אַזוי האָט געטייטשט דער "דברי שמואל" זי"ע (ליקוטי אמרים, לט) דעם פסוק (תהלים ק, ה) "כי טוב ה' לעולם חסדו, ועד דור ודור אמונתו". דער אויבערשטער איז דאָך דער מקור הטוב, וואָס וויל שטענדיג משפיע זיין אויף אונז רחמים און חסדים. דער גאַנצער תכלית פון דער בריאה וואָס דער אויבערשטער האָט באַשאַפן די וועלט, איז געווען "להטיב לברואיו", גוטס צו טוהן מיט זיינע באַשעפענישן. "לעולם חסדו" - דער אויבערשטער וויל טוהן חסד מיט דער גאַנצער וועלט, נאָר צומאָל ווערן פאַרשטאָפּט די רערן פון די שפע. איז דעריבער די עצה "אָפּצורייניגן" און ווידער עפענען די רערן פון די שפע, דורך אמונה אין באַשעפער. דאָס פירט אויס דער פסוק: "ועד דור ודור אמונתו", אין יעדן דור, קען מען ממשיך זיין חסד, לויט וויפיל אמונה מ'האָט אין באַשעפער.

די בעלי הרמז זאָגן אַ רמז אין די סמיכות פון פרשת מטות צו פרשת מסעי, אַז דער וואָס "בייגט זיך" ("מטות") צו אַלע פאַסירונגען, ווויסנדיג אַז דאָס איז די הנהגה פון באַשעפער מיט איהם פאַר זיין טובה. "מסעי", וועט אַלעס "פאָרן גלאַטיג"...

אַמאָל ווען דער בעלזער רב הרה"ק מהר"א זי"ע האָט זיך אַריינגעזעצט אין אַ "טעקסי", און פאַר דעם צוועק האָט ער זיך געדאַרפט אַראָפּבייגן, כדי ער זאָל זיך קענען אַריינזעצן דערין, האָט ער געזאָגט: "זעהט נאָר, זעהט נאָר, אויב דער מענטש וויל פאָרזעצן זיין וועג, דאַרף ער קודם 'אַראָפּבייגן דעם קאָפּ' כדי ער זאָל קענען אַריינגיין...

איז אַן עת צרה פאַר יעקב אָבער פון איר וועט ער געהאָלפן ווערן. זאָגט ער, לויט ווי דוד המלך ע"ה האָט געזאָגט (תהלים קיז, ב) "כי גבר עלינו חסדו", וואָס די כוונה אין דעם איז, אַז אַפילו ווען עס זעהט אויס אַמאָל אַ בחינה פון "גבורה" (מדת הדין) ח"ו, ווייסט איך אָבער און איך גלייב, אַז אויך דאָ, אין די מדה פון "גבורה", זענען באַהאַלטן די גרויסע חסדים פונעם באַשעפער, ווייל ער פירט זיך צו טוהן גוטס, און נישט שלעכטס ח"ו. דאָס איז די כוונה פון פסוק: "כי גבר" - אויך ווען עס זעהט אויס ווי אַ בחינה פון "גבורה" ח"ו, פונדעסטוועגן, "עלינו" - ביי אונז, אידן, איז קלאָר אַז "חסדו" - אַלעס איז פון דעם אויבערשטען'ס חסד, אין דער גבורה אַליין, זענען באַהאַלטן דעם אויבערשטען'ס חסדים.

**דאָס** זאָגט דער פסוק: "ועת צרה היא ליעקב", אַפילו אויב עס קומט צומאָל אַן עת צרה ח"ו אויף אידישע קינדער. "וממנה" - פון דעם גופא - "יוושע" - ווערן זיי געהאָלפן, ווייל אויך דאָ זענען באַהאַלטן דעם אויבערשטען'ס חסדים.

**שרייבט** דער "אור המאיר" ווייטער, אַזוי פירן זיך די אמת'ע צדיקים וואָס זענען דבוק אין דעם אויבערשטען און אין זיין אמונה, אַז ביי יעדע זאַך וואָס פאַסירט מיט זיי, גוט אָדער פאַרקערט ח"ו, הענגען זיי עס נישט אָן אין זייער אייגענע קלוגשאַפט, אָדער אַז זיי האָבן נישט געניצט זייער חכמה דעמאָלס און אַז דערפאַר האָט מיט זיי פאַסירט אַ נישט גוטע געשעעניש ח"ו, נאָר זיי זאָגן אַז אַלעס איז פון דעם אויבערשטען, ווייל זייער נפש איז פאַרבונדן מיט אַלע רמ"ח איברים און שס"ה גידין צום באַשעפער וואָס ער באַפעלט אַלעס.

**אַנדערש** זענען די מענטשן "אישים פועלי און", וואָס האָבן נישט קיין שכל, הענגען אָן אַלע זייערע הצלחות און געשעענישן אויף זייער קלוגשאַפט, אַז דאָס האָט זיי געהאָלפן צו מאַכן אַ פאַרמעגן, און ווען עס ווערט איבערגעדרייט אויף זיי דער ראָד מיט אַ צרה חס ושלום, פאַרגעסן זיי אַז דער אויבערשטער האָט עס געטוהן וכו'.

**אויף** דעם זאָגט דער פסוק: "ומצרים מקברים את אשר הכה ה' בהם", און רש"י לייגט-צו די ווערטער: "טרודים באבלם" - די מצריים זענען געווען טרוד אין 'זייער' טרויער. זיי האָבן נישט אָנגעהאָנגען אַז אַלעס קומט פון דעם אויבערשטען, נאָר עס איז געווען "אבלם" - זייער אייגענע צער. מה שאין כן די צדיקים, שפירן נישט זייער אייגענע צרה, נאָר אַלעס וואָס רירט זיי אָן, איז פון דעם אויבערשטען כביכול, און דאַן איז "טוב להם בזה ובבא", עס איז זיי גוט אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט, עבל"ק[ט].

---

אויב ער וועט בלייבן שטיין מיט אַ 'קומה זקופה', מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, וועט ער קיינמאָל נישט קענען אַריין אין דער 'טעקסי'...

דאָס איז אַ לימוד פאַר יעדן איינעם, אויב מ'וויל אַריבערגיין אַלעס בשלום ושלוה השקט ובטח, דאַרף מען זיך 'איינבייגן', און נאָר אַזוי קען מען אַלעס אַדורכגיין בשלום. אָבער אויב מ'האַלט זיך עקשנות'דיג ביי די אייגענע מיינונגען און דמיונות, האָט מען חלילה ווייטאָג או צער אויף יעדן שריט און טריט, ה' ירחם.

**ט.** די ספרים זענען מוסיף דערויף, אויך די אידן האָבן פאַרלוירן זייערע קרובים אין מצרים, ווי דער פסוק זאָגט (שמות יג, יח) "וחמושים עלו בני ישראל מארץ מצרים", זאָגט רש"י: "חמושים - אחד מחמשה יצאו". איינער פון פינף איז אַרויס פון מצרים (ווייל די איבעריגע זענען אויסגעשטאָרבן אין מצרים). דער מדרש (תנחומא, א) זאָגט נאָך מער, אַז לויט איין דעה, איז אַרויסגעגאַנגען פון מצרים נאָר איינער פון פופציג אידן, און נאָך אַ דעה: "אחד מחמש מאות" - איינער פון פינף הונדערט אידן, איז אַרויס פון מצרים. נאָר וואָס דען? די מצריים זענען געווען "טרודים באבלם" (ווי רש"י זאָגט דאָ), זיי זענען געווען פאַרזינקען אין זייער טרויער אין צער און אין פינצטערניש, אָבער די אידן גלייבן אינעם "דיין אמת", און כאָטש זיי זענען מקיים די הלכות פון אבילות רח"ל, אָבער זיי זענען נישט "טרודים באבלם"...

הרה"ק בעל "ישמח ישראל" זי"ע האָט געזאָגט אַ טעם פאַרוואָס די תורה האָט געגעבן אַ מצוה צו טרויערן אויפ'ן פאַרלוסט פון אַ קרוב רח"ל, וואָס לכאורה איז שווער, פאַרוואָס דאַרף מען באַפעלן דערויף, מ'זעהט דאָך אַז אויך די גוים טרויערן אויף זייערע קרובים? נאָר דער אויבערשטער האָט געוואָלט אַז אידן זאָלן שטענדיג זיין

**ויקצוף משה - זיך היטן פון די שרעקליכע מדה פון כעס**

**אין** דער היינטיגער סדרה (מטות לא, יד-טו) לייענען מיר: "ויקצוף משה על פקודי החיל וגו', ויאמר אליהם משה" וגו'. דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס זאָגט דער פסוק נאָך אַמאָל "ויאמר אליהם משה"? מ'רעדט דאָך דאָ פון משה רבינו ע"ה. עס וואָלט געווען גענוג צו זאָגן, "ויקצוף משה ויאמר"?

**ענטפערט** דער לוצקער רב, הגאון רבי זלמן סאָראָצקין זצ"ל (אין ספר "אזנים לתורה", מטות, לא יד, "ויקצוף משה" וגו'), אַז די תורה וויל אונז לערנען, אַז ווען משה רבינו האָט געצאָרנט אויף די 'פקודי החיל', האָט ער געשוויגן, נאָר שפּעטער האָט ער ווידער אָנגעהויבן רעדן צו זיי. ער האָט צוגעוואַרט נישט צו רעדן צו די מיליטערלייט ווען ער איז געווען אויפגערעגט, ביז ער האָט זיך באַרואיגט. (אויב משה וואָלט גערעדט צו זיי ווען ער איז געווען אין כעס, וואָלט דער פסוק געדאַרפט זאָגן "וידבר" משה, וואָס "דיבור" איז אַ "לשון קשה"). זאָגט דער פסוק: "ויאמר משה", משה רבינו ע"ה האָט גערעדט צו זיי מיט אַ ווייך לשון ("ויאמר" איז "לשון רכה" - אַ ווייך לשון).

**פון** דעם לערנען מיר אַ מוסר השכל, אַז ווען אַ מענטש בייזערט זיך, זאָל ער צווואַרטן אַביסל ביז זיין כעס וועט אַוועקגיין, און ערשט דאַן זאָל ער עפענען זיין מויל צו רעדן.

**דער** גאון רבי חיים וואָלאָזשינער זי"ע שרייבט אין אַ בריוו צו זיין אייניקל (צו די געלעגנהייט פון זיין חתונה, געברענגט אין ספר 'רבי יוסף זונדל מסלנט', דף קטז, ועוד), "שלא להכנים שום קפידא בלבך על שום אדם" - דו זאָלסט נישט אַריינלאָזן אין דיין האַרץ קיין שום קפּידא אויף קיין מענטש'. און אַוודאי זאָל מען נישט ענטפערן קיינעם ווען מ'איז בכעס. און דורך די מדה פון סבלנות קען דער מענטש דערגרייכן אַלעס וואָס ער וויל נאָר, פיל מער ווי דורך עס טוהן מיט יעדן סאָרט שטרענגקייט אויף דער וועלט", עכ"ל.

---

בשמחה, און וועגן דעם האָט ער געגעבן אַ מצוה פון אבילות, וואָס דאָס אַליין וועט ברענגען דעם מענטש וואָס טרויערט צו זיין פרייליך, ווייל "פקודי ה' ישרים משמחי לב".

הרה"ק בעל "אבני נזר" זי"ע האָט אַמאָל געזאָגט ביי אַ ניחום אבלים, אַז ער האָט בקבלה אַז "אבל" ראשי תיבות א'יך ב'ין ל'וסטיג. ווען מ'האָט איהם געפרעגט אַ מקור דערויף, האָט ער געענטפערט אַז אַזוי שטייט בפירוש אין רש"י מסכת סוכה. ער האָט געמיינט די ווערטער פון רש"י ז"ל אין מסכת סוכה (כה. ד"ה "טירדא דרשות"), אַז כאָטש דער מענטש איז מחויב זיך צו פירן מיט אבילות בנוגע נעילת הסנדל, רציחה, סיכה, כדי צו ווייזן דעם כבוד פון זיין מת, "אינו חייב להצטער" - איז ער נישט מחויב צו זיין בצער...

עס איז באַקאַנט וואָס דער בעל שם טוב הקדוש זי"ע האָט געזאָגט (געברענגט אין ספה"ק "דגל מחנה אפרים", פרשתינו) אַז יעדער מענטש גייט אַדורך אין לויף פון זיין לעבן, די 'מ"ב מסעות'. אַלע זיינע יאָרן איז ער טרוד מיט מסעות און רוואונגען וכו'. און די תורה קומט אונז צו לערנען, אַז מ'זאָל וויסן ביי די מסעות, אַז "כמעשה ארץ מצרים אשר ישבתם בה לא תעשו" (ויקרא יח, ג) איר זאָלט נישט טוהן אַזוי ווי די מצריים האָבן געטוהן, ווייל די מצריים זענען געבליבן "טרודים באבלם", אָבער אַ איד גייט אַדורך אַלע זיינע מסעות, עליות און ירידות, מיט אַ שטאַרקע אמונה און מיט אַ שלוות הנפש. ער פאַרליערט קיינמאָל נישט דעם גלייכגעוויכט ח"ו, דעם ישוב הדעת און שמחת החיים.

**י.** אַ לימוד למעשה האָט געזאָגט הגאון רבי אברהם גניחובסקי זצ"ל, ראש ישיבה פון דער טשעבינער ישיבה "כוכב מיעקב", אין ירושלים (געברענגט אין ספר "אגן הסהר"), אַז אפילו אויב עס זאָל אונטערקומען פאַר'ן מענטש איינמאָל אין לעבן אַ געלעגנהייט צו רעדן מיט אַ שר וועגן אַן ענין וואָס איז איהם וויכטיגער ווי אַלע זיינע באַדערפענישן, און פאַר דעם צוועק האָט ער געקויפט אַ שיינעם אנצוג, וכדומה, אָבער אין דער לעצטער מינוט איז געקומען איינער און האָט אויסגעגאָסן אויף איהם אַ גלאָז קאַווע, און ער האָט אַזוי אַרום פאַרלוירן די געלעגנהייט צו רעדן מיט'ן מיניסטער... פונדעסטוועגן זאָל ער נישט מקפיד זיין, ווייל מ'דאַרף געדענקען אַז אַלעס איז פון דעם אויבערשטען.

**יא.** נאָך מער איז דאָס געזאָגט געוואָרן לגבי חינוך הבנים, אַז ס'איז אוממעגליך משפיע צו זיין אויף די קינדער צו גיין אויפ'ן דרך הישר, אויב מ'בייזערט זיך כסדר אויף זיי.

אַזוי זאָגן די ספרים אויפ'ן פסוק (ויקרא כא, א) "ויאמר ה' אל משה אמור אל הכהנים ואמרת אליהם". דאָ זאָגט דער פסוק דריי מאָל דאָס לשון "אמירה" ("ויאמר", "אמור", "ואמרת"), וואָס איז אַ ווייך לשון ("אמירה רכה"). אויך פרעגט

**בכלל,** ברענגען די ספרי מוסר, דער קלוגער מענטש פאַרשטייט אַז פון כעס קען קיין גוטס נישט אַרויסקומען. ס'איז בעסער פאַר איהם זיך אָנצוכאַפּן אין דער מדה פון סבלנות, ווייל "לאחר המעשה", ווען זיין כעס וועט פאַרבייגיין און ער וועט זיך באַרואיגן, וועט ער צענפאַכיג חרטה האָבן אויף אַלעם וואָס ער האָט געטוהן ווען ער איז געווען אין אַן אויפגערעגטער שטימונג, ודי למבין[ב].

---

דער גאון רבי משה פיינשטיין זצ"ל, פאַרוואָס זאָגט נישט דער פסוק "וידבר ה'", אַזוי ווי ביי אַנדערע מצוות [ווי די גמרא זאָגט (מכות יא.) אַז די פרשה פון ערי מקלט אין ספר יהושע, שטייט מיט אַ לשון "דיבור", "מפני שהן של תורה"]. איז דער תירוץ, אַז אין דעם פסוק ווערן געזאָגט די הלכות פון חינוך, ווי רש"י ז"ל ברענגט פון די חז"ל: "אמור ואמרת - להזהיר גדולים על הקטנים". ביי דעם ענין פון חינוך דאַרף מען געדענקען אַ גרויסן כלל, אַז עס איז נישטא דאָ קיין שום תועלת אין רעדן מיט אַ "לשון קשה", נאָר מיט אַן "אמירה", דאָס הייסט, מיט ווייכע רייד.

עס ווערט דערציילט בדרך הלצה, אַ איד איז געגאַנגען מיט זיין זון אויף דער גאַס, און אַן אַנדערער אַדורכגייער האָט באַמערקט, אַז דער זון פירט זיך נישט אויף ווי עס דאַרף צו זיין, און זיין פאָטער שרייט: "יעקב, באַרואיג זיך... יעקב, באַרואיג זיך...". ווען ער איז צוגעקומען נענטער, האָט ער באַמערקט אַז דאָס איז נישט אַ זון, נאָר אַ טאָכטער. האָט ער זיך נאָך מער געוואונדערט, אויב אַזוי, פאַרוואָס רופט איר דער טאַטע, מיט'ן נאָמען "יעקב", וואָס איז אַ 'יונגלשער' נאָמען, נישט פון אַ מיידל... האָט דער איד געזאָגט פאַר יענעם: "נישט איר נאָמען איז יעקב, נאָר איך הייס אַזוי... איך האָב געמיינט צו שרייען אויף זיך אַליין... ווייל ווען איך וועל זיך באַרואיגן און כ'וועל זיך אַליין באַהערשן צו ערציען מיין קינד מיט ישוב הדעת, נישט אַריינצופאַלן אין כעס איבער איר אויפפירונג וואָס איז נישט ווי געהעריג, וועט זי אָננעמען מיינע ווערטער".

**יב.** עס ווערט געברענגט אין ספר שאלות ותשובות "מאיר נתיבים" (רמזי תורה, מקץ), אַז ער האָט בקבלה פון זיין רבי'ן, דעם בעל שם טוב הקדוש זי"ע, אַ וואונדערליכע סגולה אַוועקצונעמען אַ כעס, מ'זאָל זאָגן דעם פסוק (תהלים קיט, ט) "במה יזכה נער את ארחו לשמור כדבריך". מ'זאָל מכוין זיין דעם הייליגן שם וואָס קומט אַרויס פון די ראשי תיבות פון דעם פסוק, און אַזוי ווערט מען געראַטעוועט פון כעס.

דער של"ה הקדוש (מסכת יומא, דרך חיים תוכחת מוסר) שרייבט: "טוב שיעשה פעולה המבטלו מהכעס" - עס איז גוט אַז דער מענטש זאָל טוהן אַ פעולה וואָס נעמט אַוועק פון איהם זיין כעס. "דהיינו שיאחז בכנף בגדו עם הציצית שתלויה בכנף", ער זאָל אָנכאַפּן ביים עק פון זיין קלייד די ציצית וואָס הענגען אויף דעם עק, ווייל "כנף" איז בגימטריא 150, אַזוי ווי דאָס וואָרט "כעס". אויך מיר ווייסן דאך אַז דער מענטש וואָס איז אין כעס, איז גלייך אַזוי ווי ער וואָלט געדינט עבודה זרה (עי' שבת קה:), משא"כ די מצוה פון ציצית איז גורם השראת השכינה אויפ'ן מענטש.

אַן אַנדערע סגולה קעגן כעס, האָט געזאָגט דער סטאָלינער רבי, דער "ינוקא" זי"ע, מ'זאָל אָנפילן דאָס מויל מיט וואַסער, און איבערלאָזן דאָס וואַסער אין מויל, און אַראָפּשלינגען עס ערשט עטליכע מינוט שפּעטער. ער האָט געזאָגט אַ טעם דערפאַר, ווייל דאָס מציאות איז, אַז דער שטראָם פון וואַסער וואָס וועט אַרויסגיין פון זיין מויל, וועט איהם ברענגען צו שמחה... אָבער בפשטות קען מען זאָגן אַ כוונה, אַז אויב דער מענטש וועט איין מינוט נישט קענען רעדן צוליב דאָס וואַסער וואָס ער האָט אין זיין מויל, וואָס שטערט איהם צו לאָזן הערן זיין קול, וועט דאָס גרויסע "פייער" זיך ממילא איינשטילן, און ער וועט זיך באַרואיגן פון זיין כעס...

פאָלגענד איז אַ מעשה, וואָס לערנט אונז אַ מורא'דיגן לימוד וועגן דער מדה מגונה פון כעס און מחלוקת, און מ'לערנט דערפון אויך אַ 'פרק' אין "הלכות השגחה פרטית":

עס האָט דערציילט אַ חשוב'ער מורה הוראה פון בני ברק, וועלכער פאָרט יעדן פרייטאָג צו אַ נאָענטער שטאָט, וואו ער זיצט אין 'בית ההוראה' און ענטפערט אויף שאלות פאַר אַלע אָנפרעגער.

אַ האַלב יאָר צוריק, פרייטאָג פרשת שמות, כ"ד טבת, איז דער רב אהין געפאָרן ווי יעדע וואָך מיט אַ 'טעקסי', וואו ער לערנט געווענליך אויפ'ן וועג. ווען ער האָט זיך אַריינגעזעצט אינעם 'טעקסי', האָט ער געזעהן אַז דער 'דרייווער' איז אַ איד וועלכער דערנענטערט זיך לעצטנס צום וועג פון תורה און מצוות, און ער הערט יעצט פאָרנדיג אויפ'ן וועג, א דרשה פון א רב אויף דער פרשת השבוע. כאטש דער 'טעיפ' האט געשטערט דעם מורה הוראה

אין זיין לערנען, האָט ער אָבער נישט געזאָגט אַ וואָרט, ווייל ער האָט פאַרשטאַנען אַז ס'איז וויכטיג פאַר'ן 'דרייווער' צו הערן יעצט דעם שיעור וואָס האָט אַנטהאַלטן ווערטער פון התעוררות און חיזוק.

ביים סוף פון דעם שיעור, האָט יענער דרשן דערציילט וועגן אא"ז הרה"ק רבי משה מרדכי מלעלוב זי"ע, וועמענס יאָרצייט ס'איז אויסגעפאַלן יענעם טאָג, כ"ד טבת. צווישן אַנדערע האָט ער דערציילט אַ מורא'דיגע געשעעניש וואָס ער האָט אַליין בייגעוואוינט ביים 'טיש' פון לעלוב'ער רבי'ן זי"ע.

און ער האָט דערציילט ווי פאָלגענד: אַמאָל פרייטאָג צו נאַכטס ביים 'טיש', איז אַ יונגערמאַן אַריינגעקומען צום טיש, און מיין זיידע האָט איהם תיכף צוגערופן, און עפּעס איינגערוימט אין אויער. דער יונגערמאַן איז געוואָרן בלאַס, און האָט תיכף פאַרלאָזט דאָס בית המדרש. די אָנוועזנדע בחורים (און דער 'דרשן' צווישן זיי) האָבן געוואָלט וויסן וואָס דער רבי האָט געזאָגט פאַר דעם יונגערמאַן, וואָס צוליב דעם איז ער אַנטלאָפן מיט אַזאַ אימפּעט פונעם 'טיש'. זענען זיי איהם נאָכגעלאָפן צו הערן וואָס דער רבי האָט איהם געזאָגט.

אין אָנהייב, האָט דער יונגערמאַן נישט געוואָלט דערציילן, אָבער ווען זיי האָבן זיך שטאַרק געבעטן ביי איהם, האָט ער זיי דערציילט, אַז שוין אַ לענגערע צייט וואָס זיין שלום בית 'הענגט אויף אַ האָר', ווי מ'זאָגט. צווישן איהם און זיין רעביצין איז דאָ אַ שאַרפער 'וויכוח' יעדן פרייטאָג, ווייל ער האַלט אַז זי דאַרף צינדן די שבת-לעכט אויף אַ שענקל וואָס שטייט אין דער זייט פונעם "סאַלאָן" (דייניגג רום"), אָבער זי וויל דווקא צינדן די לעכט אויפ'ן שבת'דיגן טיש...

אַלזאָ, יעדע וואָך גרייט ער צו די לעכט אויפ'ן שענקל, און ווען זי צינדט די לעכט, נאָך דעם ווי ער געפינט זיך שוין אין שול, פירט זי אַריבער די לעכט (פאַר'ן צינדן) אויפ'ן טיש, און דאָרט צינדט זי אָן די לעכט... לא עלינו ולא עליכם... היינט האָט ער באַשלאָסן צו מאַכן אַ "סוף" צו איר אויפפירונג, און ער האָט איר אָנגעוואָרנט, אַז אויב ביים אַהיים קומען פון שול, וועט ער טרעפן די לעכט אויפ'ן טיש, וועט נישט זיין דאָ קיין "קידוש", און נישט קיין "סעודה"...

און מעשה בעל דבר האָט טאַקע ליידער מצליח געווען. ווען ער איז אַהיים געקומען, האָט ער געטראָפן די לעכט אויפ'ן טיש, אַזוי ווי יעדע וואָך, און ער האָט באַלד געזאָגט "צאתכם (לא) לשלום", און איז אַנטלאָפן פון שטוב... ער איז געקומען אין בית המדרש (למעשה, האָט ער דאָך געשטראָפט נאָר זיך אַליין, ווייל נישט ער האָט געמאַכט קידוש, און נישט ער האָט געגעסן די שבת'דיגע סעודה, וד"ל. אָבער אַזוי איז דאָך שוין דער שטייגער פון אַ מחלוקת, אַז דער קריגער ליידט אַליין מער ווי דער אַנדערער).

און דער יונגערמאַן האָט אויסגעפירט: "שפּאַצירנדיג שפּעטער אויפ'ן גאַס, ווען איך בין אַדורכגעגאַנגען דאָס בית המדרש פון לעלוב'ער רבי'ן, און געהערט די זמירות ביים רבי'נ'ס 'טיש', בין איך אַריינגעגאַנגען צום 'טיש', און אָט האָט דער רבי, וועלכער האָט מיט זיין הייליגן בליק אַלעס מרגיש געווען, מיך צוגערופן, און מיר געזאָגט: דער גאַנצער ענין פון צינדן לעכט פרייטאָג פאַרנאַכטס, איז דאָך נאָר 'משום שלום ביתו' צוליב 'שלום בית' (שבת כה:), און ממילא, אויב מ'קריגט זיך מיט די בני בית וועגן די שבת-ליכט, האָט דאָך די גאַנצע תקנה נישט קיין זינען... ע"כ המעשה וואָס דער דערמאַנטער מורה הוראה האָט געהערט אויפ'ן וועג פאַרנדיג ענטפערן שאלות אין אַן אַנדערער שטאָט.

יענעם פרייטאָג, איז אַריינגעקומען אינעם 'בית הוראה' אַ יונגערמאַן, און געפרעגט דעם רב די פאָלגענדע שאלה: ער האָט אַ 'דין ודברים' יעדע וואָך מיט זיינע בני בית, איבער דעם ריכטיגן אָרט אַוועקצושטעלן די לעכט - אויפ'ן טיש, אָדער אויף דער שאַנק ביי דער וואַנט... און דעריבער, פרעגט ער דעם רב אַ שאלה, וואָס ער זאָל טוהן.

דער רב האָט תיכף פאַרשטאַנען די וואונדליכער השגחה פרטית וואָס האָט זיך דאָ היינט 'אָפּגעשפּילט' מיט איהם, אַז פון הימל האָט מען מקדים געווען די 'רפואה' פאַר די 'מכה', און מ'האָט אַזוי צוגעפירט אַז ער זאָל פאָרן דייקא מיט יענעם 'דרייווער', און הערן דעם שיעור וואו יענער האָט דערציילט די מעשה מיט די אָפענע אויגן פון לעלוב'ער רבי'ן, אַלעס כדי ער - דער מורה הוראה - זאָל דערנאָך וויסן וואָס צו ענטפערן פאַר יענעם שואל... ווי מיר האָבן געלייענט אין דער תורה אין פרשת בלק 'את אשר ישים אלקים בפי אותו אדבר'...

דער לימוד דאָ גייט נאָך טיפער: אויב דער רב וואָלט געענטפערט פאַר דעם יונגערמאַן די בפירוש'ע 'הלכה' ביי אַזאַ שאלה, וואָלט דאָך נאָך אַלץ געבליבן אַ קריגעריי אין שטוב, ווייל דער צד וואָס דער רב האָט גע'פסק'ענט ווי איהם, וואָלט געהאַט אַ 'נצחון' אויפ'ן צווייטן צד, און דער אַנדערער וואָלט געבליבן באַזיגט... אַזוי האָט אָבער

**מיר** געפינען אין חז"ל (פסחים סו:) די האַרבקייט פון דער שרעקליכער מדה פון כעס. די גמרא זאָגט דאָרט, "כל אדם שכועס, אם חכם הוא, חכמתו מסתלקת ממנו". יעדער מענטש וואָס בייזערט זיך, אויב ער איז אַ קלוגער מענטש, וועט זיין חכמה זיך אָפּטוהן פון איהם, און די גמרא לערנט עס אַרויס פון דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (לא, כא), ביי דער מלחמה מיט מדין: "ויאמר אלעזר הכהן אל אנשי הצבא" וגו'. די הלכות פון 'הגעלת כלים' זענען נישט געזאָגט געוואָרן דורך משה רבינו ע"ה, נאָר דורך אלעזר. ווייל דורך דעם וואָס משה האָט זיך געבייזערט, האָט ער פאַרגעסן די הלכות.

**מיר** דאַרפן זיך מתבונן זיין אין דעם וואָס משה רבינו ע"ה האָט זיך דאָ געבייזערט, ווי דער "אַלטער" פון נאוואַרדאק זצ"ל האָט געזאָגט, ביים אָנהייב פון דער פרשה פון מלחמת מדין שטייט (לא, א-ב): "וידבר ה' אל משה לאמור, נקום נקמת בני ישראל מאת המדינים אחר תאסף אל עמך". דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו משה, ער זאָל נעמען נקמה אין די מדיינים פאַר די אידן, און דערנאָך וועט ער נסתלק ווערן פון דער וועלט.

**זאָגט** דער "אַלטער" פון נאוואַרדאק, אַז כאָטש משה רבינו ע"ה האָט פאַרשטאַנען אַז זיין הסתלקות ווענדט זיך אין דער מלחמה מיט מדין, האָט ער געהאַט מסירות נפש צו טוהן דעם אויבערשטען'ס ווילן, און האָט זיך נישט צוריקגעהאַלטן פון אַרויסשיקן תיכף ומיד די אידן צו דער מלחמה מיט מדין.

לויט דעם, לכאורה, ווען די 'פקודי החיל', די הויפט מיליטערלייט זענען צוריקגעקומען און דערציילט אַז זיי האָבן בשוגג נישט אויסגע'הרג'עט אַלע פרויען פון מדין, האָט משה זיך געדאַרפט פרייען, ווייל פון זיין זייט, האָט ער געטוהן דעם אויבערשטען'ס באַפעל, אַרויסצושיקן די אידישע מיליטערלייט אין אַ מלחמה מיט מדין, נאָר די מיליטערלייט האָבן מיט זייער שגגה נישט אויסצו'הרג'ענען די נקיבות פון מדין, פאַרלענגערט משה'ס לעבן, ווייבאַלד דער ציל פון די מלחמה מיט מדין איז נאָך נישט אינגאַנצן פאַרווירקליכט געוואָרן, און ממילא וועט נישט מקויים ווערן ביי איהם דער "אחר תאסף אל עמך" (און אַזוי 'פאַרדינט' משה עטליכע טעג אויף דער וועלט, צו קענען דינען דעם אויבערשטען ברחימו ודחילו). פונדעסטוועגן, האָט משה זיך געבייזערט אויף די 'פקודי החיל', 'החייתם כל נקבה', פאַרוואָס זיי האָבן געלאָזט ביים לעבן די נקבות פון מדין. ווייל משה האָט אינגאַנצן נישט אין זינען פאַר זיינע אייגענע אינטערעסן, אַז דער אויבערשטער האָט געהייסן אומברענגען מדין, האָבן זיי דאָס געדאַרפט טוהן אָן זיך פאַרזוימען. ממילא קומט אויס, אַז זיין גאַנצער כעס אויף די 'פקודי החיל' איז געווען לשם שמים, 'בלתי לה' לבדו', און פונדעסטוועגן האָט מען מדקדק געווען מיט איהם 'כחוט השערה' און ער האָט פאַרגעסן די הלכות פון 'גיעולי עכו"ם'.

**איז** דאָך אַוודאי געוויס, אַז ווען מיר בייזערן זיך, אונזער כעס קומט דאָך צוליב אַ תאווה אָדער אַ קנאה, וואָס האָט נישט אפילו אַ ריח פון קדושה, איז אַוודאי פיל האַרבער[יג].

---

דער רב ממתיק געווען דעם גאַנצן ענין, אַז דער עיקר איז מ'זאָל מוותר זיין פאַר'ן צווייטן, און אַזוי וועט די הייליגע שכינה קענען רוען אין הויז, און מ'טאָר חלילה נישט 'אָנצינדן' דעם פייער פון די לעכט, אויפ'ן צווייטנ'ס קאָפּ...

**יג.** ווען דער מענטש ווייסט אַז עס זענען אָנגעגרייט פאַר איהם ניסיונות, איז מיט'ן עצם וויסן דערפון, איז שוין לייכטער פאַר איהם בייצושטיין דעם נסיון.

אַ חסיד האָט זיך אַמאָל אָפּגערעדט פאַר זיין רבי'ן, איינער פון די פריערדיגע צדיקים, אַז ער איז ליידער זייער געשלאָגן אין דער מדה מגונה פון כעס. ביי יעדע קלייניגקייט, ווערט ער דערצערנט 'ביזן הימל', אַז עס איז ממש אַ סכנה פאַר זיינע אַרומיגע. האָט דער רבי איהם געהייסן וואַרטן אינדרויסן, און ער וועט איהם באַלד געבן אַן עצה גראַטעוועט צו ווערן פון כעס.

נאָך איהם, איז אַריין צום רבי'ן אַ צווייטער איד, און דער רבי האָט גערעדט צו יענעם הויך אויפ'ן קול (אַז דער ערשטער זאָל קענען הערן אינדרויסן): "איך בעט דיך, ווען דו גייסט אַרויס פון מיין צימער, זאָלסטו פּראָבירן מיט אַלע מיטלען צוברענגען דעם איד וואָס שטייט אינדרויסן, ער זאָל אַריינפאַלן אין כעס".

פונדעסטוועגן, טאָר דער מענטש נישט פאַלן ביי זיך אויב ער ווערט ח"ו נכשל און פאַלט אַריין אין כעס, ווייל יעדע מינוט וואָס דער מענטש האַלט זיך צוריק פון אַ כעס איז זייער חשוב ביי דעם אויבערשטען.

עס שטייט אין ספה"ק "אהבה בתענוגים", פון הגה"ק בעל "חסד לאברהם" זי"ע (דער זיידע פונעם חיד"א זי"ע) אויף די ווערטער פון דער משנה (אבות פ"ה, מי"ד) "קשה לכעוס ונוח לרצות, חסיד. נוח לכעוס וקשה לרצות, רשע". דער מענטש וואָס בייזערט זיך שווער און ווערט שנעל איבערגעבעטן, איז אַ חסיד. דער וואָס פאַלט שנעל אַריין אין כעס און עס איז שווער איהם איבערצובעטן, איז אַ רשע. דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס זאָגט נישט דער תנא אַז דער מענטש וואָס בייזערט זיך בכלל נישט - ער פאַלט קיינמאָל נישט אַריין אין אַ כעס - איז אַ חסיד?

ענטפערט דער "אהבה בתענוגים", אַז דער מענטש וואָס האָט אַ נסיון היצר זיך צו בייזערן, איז אפילו אויב ער בייזערט זיך אַמאָל, פונדעסטוועגן, דאָס גופא וואָס ער איז "קשה לכעוס", ער איילט זיך נישט זיך צו בייזערן, נאָר ער פּראָבירט זיך שטאַרקן אויף זיין כעס, הייסט ער אַ "חסיד". אדרבה, דער מענטש וואָס בייזערט זיך אינגאַנצן נישט, איז דאָך אַזוי ווי אַ מלאך, און דער אויבערשטער זוכט נישט אויף דער וועלט מלאכים, נאָר מענטשן וואָס ווערן געפּרואווט מיט פאַרשידענע נסיונות, און זיי באַזיגן זייער יצר הרע

---

ווען דער צווייטער חסיד איז אַרויס פון רבין'ס צימער, איז ער באַלד צוגעטראָטן צו טוהן דעם רצון פונעם צדיק... קודם כל, האָט ער 'בטעות' אויסגעגאָסן הייס וואַסער אויף יענעם חסיד (דעם כעסן), און האָט אַזוי אַרום פאַרשמירט אויך זיין אנצוג. זעהענדיג אַז דאָס הייסע וואַסער האָט זיך אויסגעגאָסן אויפ'ן חבר, האָט ער איהם געמוזען איבערבעטן, און זיך פאַרענטפערן פאַר איהם, "איך האָב נישט באַמערקט אַז דו שטייסט דאָ", א.ד.ג. "זיי מיר מוחל פאַר דעם וואָס איך האָב דיר געטוהן"...

און וואונדער איבער וואונדער: דער גרויסער "כעסן", נישט נאָר וואָס ער איז נישט געוואָרן אויפגעברויזט און פול מיט כעס, נאָר ער האָט יענעם איבערגעבעטן, זאָגנדיג: "נישט דו האָסט עס געטוהן, נאָר דער אויבערשטער האָט דיך געשיקט". אַזוי האָט דער צווייטער חסיד פּראָבירט אויף פאַרשידענע וועגן, אויפצורעגן דעם ערשטן חסיד, אָבער אָן ערפאָלג... אויף יעדע זאַך וואָס ער האָט 'אויפגערעגט', איז דער 'כעסן' נישט אַריינגעפאַלן אין אַ כעס. אדרבה, ער האָט אויף יעדע זאַך געענטפערט, אַזוי האָט דער אויבערשטער באַפוילן...

שפּעטער, האָט דער צדיק באַפוילן פאַר'ן משמש ער זאָל אַריינרופן דעם ערשטן חסיד, און ווען ער איז אַריינגעקומען צום רבי'ן אין צימער, האָט דער איהם געזאָגט:

- איך האָב געהערט פון אונטער דער טיר ווי דו שטייסט ביי דעם נסיון פון כעס, ממש אויף אַ וואונדערליכן אופן. אפי' ווען דיין חבר האָט דיך אויספּרובירט מיט 'צען נסיונות' פון כעס, ביזטו בכלל נישט געוואָרן אויפגערעגט, אפילו נישט אין האַרצן... ממילא, וואָס האָסטו זיך צו באַקלאָגן אויפ'ן 'כעס' וואָס דו פאַרמאָגסט נישט?...

האָט דער חסיד געענטפערט מיט אַ שמייכל:

- אויב דער רבי וואָלט גערעדט אַביסל שטילער, וואָלט עס געווען אַ 'נסיון' נישט אַריינצופאַלן אין כעס... אָבער וויבאַלד איך האָב געהערט וואָס דער רבי האָט געזאָגט פאַר דעם איד וואָס איז אַריינגעקומען צו איהם נאָך מיר, און איך האָב געוואוסט בשעת מעשה אַז דאָ זוכט מען מיך אויסצופּרובירן, האָב איך געקענט ביישטיין דעם יצר, ווייל איך האָב בכלל נישט געהאַט אַ 'בחירה', וויסנדיג אַז דאָס האָט דער רבי איהם געהייסן אַריינברענגען מיך אין אַ כעס...

האָט דער רבי איהם געזאָגט:

- אַזוי דאַרפסטו שטענדיג געדענקען אַז מ'פּרואווט דיך אויס פון הימל, און אַזוי וועט דיר זיין לייכטער דער גאַנצער נסיון.

באמת, איז דאָס געזאָגט געוואָרן נישט נאָר לגבי די מדה פון כעס, נאָר ביי יעדע זאַך וואָס דער מענטש שפּירט אַ רפיון, דאַרף ער זיך שטאַרקן ווען ער ווייסט אַז אַלעס וואָס פאַסירט מיט איהם איז געקומען מיט אַ חשבון פון הימל, מיט אַ תכלית און אַ טעם, און אַזוי וועט ער אַלעס אָננעמען מיט ליבשאַפט.

(ער גיט צו, אַז דער מענטש וואָס ס'איז איהם שווער זיך איבערצובעטען ("קשה לרצות"), איז אפי' אויב ער לאָזט זיך איבערבעטען צום סוף, אָבער מ'דאַרף אַרבעטען מיט איהם 'קריעת ים סוף' אַז ער זאָל זיך איבערבעטען, הייסט ער אויך בגדר "רשע" רח"ל, ווייל דער מענטש דאַרף זיין ווייכהאַרציג).

**הוי מתלמידיו של אהרן - אוהב שלום ורודף שלום**

**אין** דער היינטיגער סדרה (מסעי) לייענען מיר (לג, לח) וועגן דער הסתלקות פון אהרן הכהן: "ויעל אהרן הכהן וגו' וימת שם וגו' בחודש החמישי באחד לחודש".

**מיר** געפינען נישט אין דער תורה ביי קיין איינעם פון די צדיקים ווען עס איז געווען דער טאָג פון זיין הסתלקות, נאָר ביי אהרן הכהן, וואו די תורה זאָגט אַרויס בפירוש דעם דאַטום פון זיין פטירה: ראש חודש אב ("בחודש החמישי, באחד לחודש")[יד].

**מיט** וואָס איז טאַקע אהרן הכהן אַנדערש פון אַלע אַנדערע צדיקים, און פון די אַנדערע "שבעה רועים", אַז דער טאָג פון זיין הסתלקות ווערט דערמאַנט בפירוש אין דער תורה?

**ענטפערט** דער "שפת אמת" זי"ע (מסעי, תר"ס, ד"ה "כתיב") לויט ווי די גמרא זאָגט (סוטה יד.) אַז משה רבינו ע"ה איז נטמן געוואָרן נעבן 'בית פעור', כדי צו פאַרגעבן אויף די מעשה פון פעור. זעהט מען דאָך אַז משה רבינו ע"ה איז מכפר אויף אַ נידעריגן אָרט. דאָס זעלבע קען מען זאָגן וועגן אהרן הכהן, אַז ער איז נסתלק געוואָרן ראש חודש אב, כדי מגין צו זיין מיט זיין זכות אויף דעם שפל'דיגן זמן פון 'בין המצרים', און אין זיין זכות וועלן מיר זוכה זיין צו בנין בית המקדש, וואָס איז ליידער חרוב געוואָרן צוליב שנאת חינם[טו] (יומא ט:), און ווי ס'איז באַקאַנט די מעשה פון 'קמצא' און 'בר קמצא'[טז] (גיטין נו.). ווייל אהרן איז

---

**יד.** אויך לייענט מען יעדעס יאָר דעם פסוק, נאָנט צו ראש חודש אב, דער טאָג פון זיין הסתלקות.

**טו.** אַמאָל תשעה באב אינמיטן די קינות, איז אַ איד צוגעקומען צו אַ צווייטן אין שול, און געבעטן פון איהם אַ טובה. האָט יענער איהם געזאָגט, ער זאָל צוואַרטן ביז ער וועט ענדיגן זאָגן די "קינות". הרה"ק רבי מאיר'ל פרעמישלאַנער זי"ע האָט עס באַמערקט, און ער האָט געזאָגט צו דעם איד: "וואָס האָסטו צו וויינען אויפ'ן חורבן בית המקדש, אויב דו ביזט בכוח עס אויפצובויען. טוה גמילות חסדים, פאַרמער אהבת חינם וואָס דערנענטערט די גאולה, און ערשט דערנאָך זאָלסטו צוריקגיין וויינען אויפ'ן בית המקדש וואָס איז חרוב געוואָרן.

דער נביא ישעיה (נב, ג) זאָגט: "כי כה אמר ה', חנם נמכרתם ולא בכסף תגאלו". זאָגט אויף דעם דער חיד"א ז"ל ("מדבר קדמות", מערכת ת', אות יח, ועוד) אַז דער נביא איז מרמז, "חינם נמכרתם", צוליב די עבירה פון "שנאת חינם" זענט איר פאַרקויפט געוואָרן און איר זענט געגאַנגען אין גלות ביי די גוים. "לא בכסף", נישט אין זכות פון אַנדערע מצוות "תגאלו", וועט איר אויסגעלייזט ווערן. נאָר אין דעם זכות פון "אהבת חינם" וואָס איר וועט פאַרמערן, ליב צו האָבן איינער דעם אַנדערן.

דער וויזשניצער רבי, הרה"ק בעל "אהבת ישראל" זי"ע, האָט געזאָגט (געברענגט אין ספר "עולמו של אבא" ע' תטז), אַז מ'דאַרף ליב האָבן יעדן איד, אַפילו דעם פשוט'סטן מענטש. ער האָט געברענגט אַ ראיה פון די וואַסערן פון אַ טייך, וואָס שטופן אַוועק פון זיך יעדן "פרעמדן" חפץ וואָס קומט אַריין אין טייך. צום ביישפיל, אויב עס וועט אַריינפאַלן אין טייך אַ שטיקל האָלץ, אָדער אַ שטיין, אָדער אַ קליד, אָדער יעדע אַנדערע זאַך, וועט מען איהם מיט דער צייט טרעפן פאַרוואָרפן ביים ברעג טייך. פאַרהאַן נאָר איין זאַך וואָס דער טייך נעמט אַריין מיט "פריינטליכקייט": אייז... אויב אייז פאַלט אַריין אינעם טייך, לאָזט ער איהם פאַרבלייבן אין טייך, און צוביסלעך, וואַרימט ער איהם אָן, ביז ער ווערט צעגאַנגען, און ער ווערט וואַסער... פאַרוואָס לאָזט ער דעם אייז יאָ אַריין? דאָס איז דערפאַר, ווייל דער טייך דערקענט אינעם אייז, אַז ער איז זיין "ברודער" - וואַסער, אַזוי ווי ער... נאָר וואָס דען, צוליב דער קעלט איז ער געוואָרן אייז, און פאַר דעם איז דאָ נאָר איין עצה: ער זאָל משפיע זיין אויף איהם ליבשאַפט און וואַרימקייט, ביז ער וועט צוריק ווערן וואַסער ווי פריער. דער נמשל איז: מיר דאַרפן משפיע זיין אויף יעדן איד, אַ וואַרימקייט און ליבשאַפט, ווייל ער איז דאָך "אונזער ברודער", און אַזוי וועט ער קענען זיין אַזוי ווי פריער.

זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז דאָס מיינט נישט אַז מ'מעג זיך חבר'ן מיט שלעכטע חברים ח"ו, אָדער זיך באַהעפטן מיט רשעים חלילה, נאָר אַזוי ווי דער"אהבת ישראל" זי"ע האָט טאַקע געזאָגט: "מ'דאַרף זיין גוט צו יעדן, אָבער נישט 'מיט' יעדן"...

געווען אַן "אוהב שלום ורודף שלום", און ער האָט שטענדיג אַריינגעברענגט שלום צווישן אידן. וועגן דעם שרייבט די תורה אַרויס דעם טאָג פון זיין הסתלקות, כדי אונז צו לערנען אַז מיר דאַרפן זיין 'מתלמידיו של אהרן', און פאַרמערן 'אהבת חינם' צווישן אידן"[יז], און מיר ווייסן אַז "הזמן מבקש את תפקידו" - די צייט פאָדערט איר אויפגאַבע"[יח].

**דער** באַשעפער כביכול האָט גרויס צער ווען איין איד טשעפּעט מיט אַ צווייטן ח"ו, און עס שטייט אין

---

דער ש"ך על התורה זאָגט אין דער היינטיגער סדרה (מטות, ד"ה "ומקנה רב"), אַ טעם פאַרוואָס די בני גד און בני ראובן האָבן נישט געוואָלט אַריינגיין אין ארץ ישראל צוזאַמען מיט די אַנדערע שבטים. זאָגט דער ש"ך על התורה, אַז וויבאַלד זיי זענען געווען אונטער איין "דגל" (פאָן) מיט שבט שמעון (לויט'ן סדר פון די דגלים, האָט דער "דגל" פון די בני גד, געהאט מיט זיך די שבטים ראובן און שמעון), און נאָך דעם ווי זמרי בן סלוא, דער נשיא פון שבט שמעון, האָט געזינדיגט, האָבן די בני גד און בני ראובן נישט געוואָלט זיין צוזאַמען מיט "שלעכטע חברים", ווייל זיי האָבן מורא געהאַט אַז אויך אין ארץ ישראל וועלן זיי דאַרפן זיין צוזאַמען מיט שבט שמעון. דעריבער האָבן זיי ענדערש געוואָלט פאַרבלייבן אין חוץ לארץ, מיט "גוטע חברים", ווי איידער צו וואוינען אין ארץ ישראל, מיט נישט גוטע חברים.

**טז.** פון די מעשה פון "קמצא ובר קמצא", לערנען מיר אַ מורא'דיגן לימוד וועגן דער האַרבקייט פון פאַרשעמען אַ צווייטן מענטש ברבים. לכאורה, איז דאָך "קמצא" געווען 'גערעכט', ווייל "בר קמצא" האָט פאַרשטערט זיין גאַנצע שמחה מיט'ן קומען צו דער סעודה, און ער האָט זיך נישט געקענט פרייען ווען ער זעהט זיין שונא. ער איז אַפילו געווען גרייט שאָדן צו האָבן דעם גאַנצן פרייז פון דער סעודה, אַבי זיין שונא בר קמצא זאָל פאַרלאָזן דאָס אָרט, ווייל די גאַנצע סעודה האָט נישט קיין טעם אין אַזאַ מצב... און פונדעסטוועגן, זעהען מיר אַז ירושלים איז חרוב געוואָרן נאָר צוליב די מעשה, ווייל אַפילו ווען דו ביזט "גערעכט", טאָרסטו נישט פאַרשעמען אַ צווייטן וואָס איז נישט גערעכט, און פאַרגיסן זיין בלוט ברבים...

**יז.** אַמאָל איז אַ שכן צוגעקומען צום גאון רבי ניסים קאַרעליץ זצ"ל פון בני ברק, מיט אַ טענה צו הרב קאַרעליץ, אַז די אַרבעטער וואָס האָבן געפּאַרבט רבי ניסים'ס דירה, האָבן דערנאָך אַריינגעוואָרפן די איבערבלייבענישן פונעם 'פּעינט' אין אַ 'פייפ' (רער) פון 'סוער' וואַסער, און אַלס רעזולטאַט דערפון איז פאַרשטאָפּט געוואָרן ביי איהם (ביים שכן) די רער, און ער האָט געדאַרפט רופן אַרבעטער צו עפענען די רער, וואָס האָט איהם אָפּגעקאָסט 600 שקלים. ער פאָדערט אַלזאָ פון רבי ניסים קאַרעליץ איהם צו באַצאָלן דעם שאָדן. האָט רבי ניסים אַרויסגענומען 600 שקלים, און איהם באַצאָלט אויפ'ן אָרט. אין צוגאָב, האָט ער איהם איבערגעבעטן פאַר'ן שאָדן וואָס ער האָט איהם פאַראורזאַכט בשוגג, אָן זיין וויסן.

שפּעטער האָט רבי ניסים געזאָגט צו איינעם וואָס האָט איהם באַגלייט ווען יענער שכן איז צוגעקומען צו איהם, אַז מעיקר הדין וואָלט ער איהם נישט געדאַרפט צאָלן אַפילו איין פרוטה. ערשטענס, ווייל לויט וואָס פאַלט אַריין אין וואַסער ברענגט נישט אַ פאַרשטאָפּונג, און ממילא מוז זיין אַז די פאַרשטאָפּונג איז געקומען צוליב אַן אַנדערע סיבה. צווייטענס, די 'סוער' רערן וואָס גייען אַרויס פון מיין דירה, זענען אינגאַנצן נישט באַהאַפטן מיט דעם שכן'ס רערן... דריטנס, מ'האָט יעצט בכלל נישט געפּאַרבט מיין דירה, און זיין גאַנצע טענה האָט נישט געהאַט קיין שום באַזיס...

דער באַגלייטער וועלכער האָט נישט געקענט גלייבן וואָס ער הערט, האָט נישט באַהאַלטן זיין ערשטוינונג פון רבי ניסים קאַרעליץ: אויב אַזוי, פאַרוואָס האָט דער רב איהם באַצאָלט די 600 שקלים? האָט רבי ניסים איהם געענטפערט: "ס'איז מיר געווען כדאי איהם צו געבן די 600 שקלים, כדי צו לעבן מיט איהם אין גוטע באַציאונגען...".

פון אונזער זייט קענען מיר צוגעבן, ס'איז כדאי פאַר אונז מוותר צו זיין, און אַפילו 'צאָלן' כדי צו קענען לעבן מיט אַנדערע אידן אין גוטע באַציאונגען...

**יח.** הרה"ק בעל "חידושי הרי"ם" זי"ע האָט געזאָגט ("שיח שרפי קודש", בין המצרים. אות יב), אַז דאָס איז דער טעם פאַר דעם מנהג ישראל צו מאַכן 'סיומים' אויף מסכתות פון ש"ס אין די 'ניין טעג' און איינלאַדן אידן צו דער סעודת מצוה פונעם סיום, אַלעס כדי צו פאַרמערן אהבת חינם, ווי די גמרא זאָגט (שבת קיח:) אביי האָט געזאָגט, ווען איך האָב געזעהן אַ 'צורבא מרבנן' וואָס האָט געענדיגט אַ מסכתא, האָב איך געמאַכט אַ 'יום טוב' פאַר אַלע תלמידי חכמים.

ספה"ק "מגלה עמוקות" (וירא, ד"ה "ויאמר ה'") אויף'ן פסוק (בראשית יח, ב) "ויאמר ה' זעקת סדום ועמורה כי רבה וחטאתם כי כבדה מאוד, ארדה נא ואראה הכצעקתה" וגו', זאָגט דער "מגלה עמוקות", אַז "זעקת וגו' כי רבה", גייט אַרויף אויף עבירות שבין אדם לחבירו, און "חטאתם כי כבדה" גייט אַרויף אויף עבירות שבין אדם למקום. דער אויבערשטער האָט געשטעלט ערשט די עבירות פון בין אדם לחבירו, ווייל דער אויבערשטער כביכול איז מוותר אויף די ענינים פון "בין אדם למקום", וואָס דער מענטש זינדיגט ח"ו קעגן איהם, אָבער ער איז נישט מוותר אויף עבירות שבין אדם לחבירו. און אויף דעם זאָגט דער פסוק: "ארדה נא ואראה הכצעקתה", וועגן דעם געשריי פון סדום און עמורה, וואָס איז געווען אין ענינים בין אדם לחבירו, וואָס אין דעם איז באַשטאַנען זייער הויפט-פגם, עכ"ל.

**כל רודפיה השיגוה - די נאָענטקייט פונעם אויבערשטן צו אונז אין די 'ימי בין המצרים'**

**דער** "דברי שמואל" ברענגט (שבת חזון, ע' קפב, ד"ה "הימים") אין נאָמען פון צדיקי אמת ("תורת אבות", מאמרי בין המצרים) אַ משל אויף די דריי וואָכן. אַז מען מאָלט אַ שיינע מאָלעריי, לייגט מען אונטער אַ שוואַרצן שטאַנץ, אַז עס זאָל זיך קענען אויפכאַפּן אויף פאַרשידענע קאָלירן. אַזוי זענען די דריי וואָכן ווי דער "שוואַרצער שטאַנץ", און שפּעטער גייט מען אַריבער צו תשובה מאהבה אין חודש אלול, אין דער בחינה פון א'ני ל'דודי ו'דודי ל'י (ראשי תיבות אלו"ל), דערנאָך קומען ראש השנה און יום כיפור, די זמנים פון תשובה אין די העכסטע מדרגה, דערנאָך קומען די פרייליכע טעג פון סוכות און שמחת תורה, וואָס איז די בחינה פון אַ "שיינע מאָלעריי", וואָס גייט אַרויף פאַר'ן באַשעפער לנחת רוח.

די חז"ל זאָגן (איכ"ר פ"א, נא) אַז משיח ווערט געבוירן אין תשעה באב. נישט אין די סדר נאַכט פון פּסח, נישט אין יום טוב שבועות, נישט ראש השנה אָדער אין יום כיפור, נישט אַנדערע הייליגע זמנים, נאָר דייקא אין דעם שווערסטן טאָג פון יאָר, תשעה באב. ווייל דייקא אין תשעה באב, האָבן מיר אַ שטאַרקן קשר מיט'ן אויבערשטען.

וועגן דעם זאָגן די חז"ל (תענית ל:) "כל המתאבל על ירושלים זוכה ורואה בשמחתה". יעדער איינער וואָס קלאָגט אויף חורבן ירושלים, איז זוכה צו זעהן איר שמחה. די חז"ל זאָגן נישט "יזכה" - ער וועט זוכה זיין צו זעהן בשמחת ציון ירושלים, נאָר "זוכה" - ער איז שוין זוכה צו זעהן, ווייל ער שפּירט תיכף אַ "קירבת אלקים" - נאָענטקייט צום באַשעפער[יט].

---

**יט.** אַזוי שרייבט דער "תולדות אדם", להגאון רבי זלמן וואָלאָזשינער זצ"ל (אַ ברודער פון גאון רבי חיים וואָלאָזשינער זצ"ל, ומתלמידי הגר"א ז"ל), אַז אַ איד וואָס טרויערט אויף'ן חורבן בית המקדש, איז זוכה אויף'ן אָרט צו באַקומען זיין חלק פון השראת השכינה אין בית המקדש.

אַ חסיד איז אַמאָל געווען ביים קאָצקער רבי'ן זצ"ל אין משך פון אַ לענגערע צייט, איבערלאָזענדיג זיינע בני בית אַליין אינדערהיים מיט די קינדער. איז זיין שווער אַריינגעפאָרן צום קאָצקער רבי'ן, און זיך אָפּגערעדט אויף'ן איידים, זאָגענדיג צום קאָצקער רבי'ן:

- איך קען נישט פאַרשטיין ווי עס פּלאַצט נישט דאָס הארץ, פונעם צער פון אַ בת ישראל (איבערלאָזן איר אַליין אינדערהיים)!

האָט דער קאָצקער רבי איהם געזאָגט:

- אַז ס'איז שוין יאָ דאָ אַ הארץ, און אַז עס פּלאַצט שוין יאָ אַ הארץ, פאַרוואָס זאָל עס נישט פּלאַצן אויף גלות השכינה?

ענדליך פלעגט דערציילן הרה"ק רבי מאָטיל סלאָנימער זי"ע, אַז אַ איד האָט גערעדט מיט'ן אַפּטער רב זי"ע וועגן זיינע געשעפטן, און ווען דער איד האָט געענדיגט רעדן, האָט דער אַפּטער רב זי"ע איהם געפרעגט:

- צו ווייסטו, אַז היינט האָט פּאַסירט אַ מורא'דיגער אומגליק ביי אידן?!...

אויף די פאַרוואונדערונג פון דעם איד, האָט דער אַפּטער רב איהם געזאָגט:

- דאָס וואָס מ'האָט היינט נישט מקריב געווען דעם כבש (פון קרבן תמיד), "את הכבש אחד תעשה בבוקר, ואת הכבש השני תעשה בין הערבים"...

**דער** קאָזשניצער מגיד זי"ע ברענגט ("עבודת ישראל", פרשת מסעי) אין נאָמען פון גרויסן מגיד פון מעזריטש זי"ע, אויפ'ן פסוק (איכה א, ג) "כל רודפי' השיגוה בין המצרים", רודפי"ה איז אותיות רודפי י"ה, דער מענטש וואָס וויל משיג זיין דעם באַשעפער כביכול, קען ער אים נאָך מער משיג זיין אין די טעג פון בין המצרים. למשל, ווען דער שר איז אינדערהיים, האָבן אַלע מורא פאַר איהם, און נישט יעדער מענטש קען דעמאָלס אַריינקומען צום שר אין שטוב, אָבער ווען ער גייט אַרויס פון זיין פּאַלאַץ, ער דרייט זיך אויף די גאַסן, דעמאָלס איז דער שר נאָענט צו אַלע מענטשן וואָס ווענדן זיך צו איהם, און ער הערט אויס דאָס געשריי פון אַלע וואָס רופן איהם ביי זיין נאָמען. אָט דאָס איז דער כח פון די טעג פון בין המצרים, אַז דער אויבערשטער הערט-צו דעמאָלטס די תפילות פון אידישע קינדער, און דעמאָלס האָט יעדער איד רשות זיך צו דערנענטערן צום קעניג פון דער וועלט, עיי"ש.

**נאָך** מער שרייבט דאָרט דער קאָזשניצער מגיד, כאָטש די טעג פון בין המצרים זענען גורם אַז מען זאָל זיין טרויעריג און קלאָגן אויפ'ן חורבן בית המקדש, פונדעסטוועגן דאַרף מען זיך מחזק זיין און רייניגן דאָס האַרץ און דינען דעם אויבערשטען מיט תורה און תפלה בשמחה, בפרט ביים זאָגן שירות ותשבחות.

**ברענגט** דער מגיד אַ משל פון אַ מלך בשר ודם, וואָס האָט פון אַלעם גוטן, און אויך מנגנים און שפּילער וואָס שפּילן פאַר איהם מיט פידלען און אַנדערע מוזיקאַלישע כלים. ווען דער קעניג איז בשמחה, דאַרף מען איהם נישט משמח זיין מיט פאַרשידענע כלי זמר. דער קעניג דאַרף האָבן כלי זמר זאָלן איהם דערפרייען דאָס האַרץ, נאָר ווען ער איז צוגעלייגט צוליב אַ פּאַסירונג וואָס האָט מיט איהם פּאַסירט, דעמאָלס דאַרף מען איהם דערפרייען דאָס האַרץ.

**דאָס** זעלבע איז מיט'ן מלך מלכי המלכים הקב"ה, דער באַשעפער האָט גענוג מלאכים וואָס דינען איהם און זאָגן פאַר איהם שירה אין הימל, אָבער ווען דער בית המקדש איז חרוב דאַרף מען דערפרייען דאָס האַרץ פונעם באַשעפער כביכול, "אז צריכים מי אשר ה' בלבו להתחזק ולכנוס אל בתי גוואי ולהפשיט עצמו מכל מיני עצבות ולשמח כבוד המלך ולומר לפניו אתה מלכנו מעולם וגם עכשיו ותמלוך לעולם ועד והכל כאין נגדך, ועלו מושיעים בהר ציון ויאתיו כל לעבדך ויתנו לך כתר מלוכה". דאַן דאַרף מען אָפּטוהן פון זיך דאָס עצבות און דערפרייען דאָס האַרץ פונעם גרויסן קעניג, און איהם זאָגן, דו ביזט אונזער קעניג פון אייביג אָן, און אויך איצט, און דו וועסט אייביג זיין אונזער קעניג[ב].

**דער** פסוק זאָגט (זכריה ח, יט) "כה אמר ה', צום הרביעי וצום החמישי וגו' יהיה לבית יהודה לששון ולשמחה". דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס זאָגט דער פסוק "יהיה", אַז די טעג וועלן זיין לששון ולשמחה,

---

בכלל, איז דער זמן פון די דריי וואָכן פון "בין המצרים", מסוגל אויף תפלה, ווי די ספרים ברענגען אַ רמז, "נחלה בלי מצרים" איז בגימטריא תפלה (515), דורך תפלה איז מען ממתיק די טעג פון בין המצרים.

דער הייליגער ריזונער זי"ע פלעגט זאָגן, גאָלד און בריליאַנטן, געפינט מען אונטער די הרי חושך. דאָס זעלבע אין די טעג פון בין המצרים, "ליגט באַהאַלטן גאָלד און בריליאַנטן". אין די איצטיגע טעג, קען מען מ'קען אויספועל'ן אַלעס וואָס מען דאַרף מ'קען אויספועל'ן.

און ער האָט צוגעגעבן, דער אויבערשטער ווייסט דעם אמת, אַז ווען איך בין געווען יונג, און איך האָב געהאַט כח, איז אין יעדן טאָג פון די ימי בין המצרים, פאַר מיר אַנטפּלעקט געוואָרן אַ נייער אור.

**כ.** בפרט איז דער זמן מסוגל מתפלל צו זיין אין שבת, וואָס די שבתים פון די ימי בין המצרים זענען פיל גרעסער ווי די שבתים פון אַ גאַנץ יאָר, ווי עס שטייט אין ספה"ק תפארת שלמה (פרשת דברים) "רב לך שֶׁבֶת בעמק הבכא", דער "שַׁבָּת" אין די טעג פון "עמק הבכא" - ימי בין המצרים - איז אין אַ בחינה פון "רב לך" - פיל גרעסער ווי אַ גאַנץ יאָר.

אויך שטייט אין ספה"ק "אהבת שלום" אויף די ווערטער פון דער גמרא (שבת קיח:) "כל המענג את השבת נותנין לו נחלה בלי מצרים", אַז חז"ל זענען מרמז, אַז שבת איז "בלי מצרים" - שבת איז נישט חל דער ענין פון בין המצרים, ווייל שבת איז דאָך אַ מתנה און עס ווערט גע'פסק'ענט אַז ביי אַ מתנה איז נישט שייך "דינא דבר מצרא".

עס וואָלט געדאַרפט שטיין "יהפך" לששון ולשמחה, עס ווערט איבערגעדרייט ווערן אויף פריילעכע טעג?

**זאָגט** דער "חתם סופר", אַז ווען משיח וועט קומען וועלן אידן מער נישט האָבן נסיונות. אויב אַזוי, ווי אַזוי וועלן זיי לעבן, אָן נסיונות? אויף דעם זאָגט דער פסוק "צום הרביעי וגו' יהיה לבית יהודה לששון ולשמחה", פון דעם וואָס מיר האָבן נסיונות אין גלות, ווען עס זענען נאָך דאָ די פאַסט-טעג, וועלן מיר דעמאָלטס האָבן אַ קיום: "יהיה לבית יהודה לששון ושמחה".

**עס** ווערט געברענגט אין זוהר חדש, אז פיר חדשים פון יאָר, אדר, ניסן, אייר, סיון, איז דאָ אַ שמירה פון אויבן אויף אידישע קינדער. ווייל אין יענע טעג האָט דער אויבערשטער געטוהן ניסים מיט די אידן, און דאָס ווערט נתעורר יעדעס יאָר. "עד אשר לא יבואו ימי הרעה" (קהלת יב, א) זענען מרמז אויף די טעג פון תמוז און אב, וואָס דעמאָלטס האָט עשו אַ שליטה רח"ל. אָבער אויב מ'איז מתפלל אין די טעג, פועל'ט מען אויס בטל צו מאַכן דאָס שלעכטע.

**הרה"ק** הרבי ר' שמעלקא פון ניקלשבורג זי"ע האָט געזאָגט אויף די ימי בין המצרים, אַ משל צו אַ מלך וואָס איז געפאַנגען געוואָרן און מען האָט איהם געברענגט אין הויז פון זיין גוטן פריינט. פון איין זייט, האָט דער גוטער פריינט געוויינט אַז דער קעניג איז געפאַנגען, אָבער ער האָט זיך געפרייט אַז ער געפינט זיך יעצט ביי איהם אין הויז. אין די ימי בין המצרים איז טאַקע שכינתא בגלותא, אָבער אונזער תורה ותפלה איז משמח די שכינה הקדושה, דאַרפן מיר זיך פרייען דערמיט.

**דער** אויבערשטער זאל העלפן, מיר זאָלן זוכה זיין צו אַ נחמת ציון וירושלים בקרוב, ער זאָל אויפבויען פאַר אונז דעם בית המקדש במהרה בימינו, ולירושלים עירך ברחמים תשוב ותשכון בתוכה כאשר דיברת, בב"א.